JUN 7 1919

THE HEBREW JOURNAL

דער
אידישער זשורנאל

A
JEWISH
CANADIAN
DAILY
Circulated
All Over
Canada
And Abroad

א טעגליכער
אידישע
צייטונג
פאר אלע
קלאסען
אידען.

VOLUME IV No. 2400 Toro day June 3 1919 ה סיון פרשה נשא תרע"ט. דינסטאג דער 3-טער יוני, 1919. PRICE TWO CENTS

N. Y. Public Library
476 Fifth Ave.

ציוניזם געזיכערט, זאגט פרעמיער לאיד דזשארדזש
פייערלייט ציהען צוריק זייער סטרייק אולטימאטום

פאדערעווסקי פאדערט אן אונטערזוכונגס קאמיסיע

פאריז יוני 2

איגנאץ יאן פאדעראעווסקי, דער פוילישער פרעמיער האט היינט ארויסגעגעבען אן ערקלעהרונג דאס ער האט באשלאסען צו פארלאנגען פון פרעזידענט ווילסאן צו ערוועהלען א קאמיסיע פון אמעריקאנער בירגער צו פאהרען קיין פוילען מיט'ן צוועק צו מאכען אן אונטערזוכונג וועגען די קלאגען דאס די פאליאקען מאכען פאגראמען אויף אידען.

מורא פאר א סטרייק פון פייערלייט איז שוין פאראיבער

די מורא אז היינט פריה זאלען די פייערלייט פארלאזען זייערע שטעלען איז שוין פאראיבער. עס וועט שוין הפנים מעהר קיין סטרייק פון פייערלייט ניט זיין. די פייערלייט האבען נעכטען פריה געלאזט וויסען דעם ספעציעלען מיטינג פון דער באארד או[ף] קאנטראל דאס זיי ציהען צוריק צייטווייליג זייער אולטימאטום, צוליעב דער אונרוהיגער צייט וואס הערשט איצט אין שטאדט. זיי האבען אויך ערקלעהרט דאס אין פאל זייערע פאדערונגען וועלען ניט נאכגעגעבען ווערען, וועלען זיי נאכאמאל ארייגשיקען זייערע פאדערונגען אזוי שנעל ווי די איצטיגע אונרוהיגע צייט וועט זיין פאראיבער.

קאנטראלערס זעהר צופריעדען.

דער באשלוס פון די פייערלייט איז איבערגעגעבען געווארען צו די קאנטראלערס דורך פייער טשיף מר. ראסעל, אין דער אנוועזענהייט פון מר. מודי, דער פרעזידענט פון דער יוניאן פון די פייערלייט.

מעיאר טשורטש האט זיך זעהר דערפרעהט מיט דעם באשלוס פון די פייערלייט. קאנטראלער מעקברייד האט געהאלטען א גאנצע דרשה פאר'ן פרעזידענט פון די פייערלייט עצה'ענדיג איהם אז זיין יוניאן זאל זיך אפרייסען פון טריידס קאונסיל, און פארמירען פאר זיך אליין אן אסאסיאיישאן און דאן וועלען זיי קאנען אלעס אויספיהרען. מיט דער איצטיגער האנדלונג פון די פייערלייט, האט קאנטראלער מעקברייד געזאגט, האבען די פייערלייט געקויפט פאר זיך זעהר א גרויסע טובה.

פרעזידענט מודי האט פארזיכערט די קאנטראלערס דאס אפילו ווען זיי זענען יא אנגעשלאסען אין דעם טריידס קאונסיל האט אבער דער קאונסיל ניט קיין מאכט זיי ארויסצורופען אין סטרייק.

פאליציי צוטרייבט א סאציאליסטישען מיטינג אין מאנטריאל

מאנטרעאל, יוני, 2.

סקאדראנען מיט פאליסלייט אויף פערד און אויף מאטאר סייקעלס האבען זיך ארייגעלאזט צווישען א גרויסען עולם מיט מענשען וואס זענען געווען פארזאמעלט אין א פארק צו האלטען א סאציאליסטישען מיטינג. די פאליציי האט אויסגענוצט איהר גאנצע ענערגיע ביז דער עולם איז צוטריבען געווארען און די רעדנערקע מיסעס רעי ברעם מענדעלזאהן איז ארעסטירט געווארען.

דער מיטינג איז געווען איינגעארדנעט פון דער סאציאל - דעמאקראטישער פארטיי. מיסעס מענדעלזאהן איז א טעטיגער מיטגליעד אין דער פארטיי. די פאליציי האט פארבאטען דעם מיטינג אבער מרס. מענדעלזאהן האט געפרואווט האלטען דעם מיטינג טראצדעם וואס די פאליציי האט פארבאטען.

אידישע פונקטען אין דעם טראקטאט מיט פוילען

(אינט. איד. פרעס ביורא.)

ניו יארק יוני, 2.

אינפארמאציעס וואס זענען דא ערהאלטען געווארען מעלדען, דאס די „לאנדאן טיימז" האט געדרוקט א באריכט וועגען די אידישע פונקטען וואס געפינען זיך אין דעם שלום טראקטאט וואס די אלייאירטע מלוכות האבען אויסגעארבייט פאר פוילען צום אונטערשרייבען. פאלגענדע זענען די פונקטען וואס געפינען זיך:

„פוילען מוז אנערקענען די רעכטע פון די מינאריטעטען וואס וואוינען אין פוילען און זי מוז די דאזיגע רעכטען באשיצען. די נאציאנען ליגע וועט אויך האבען די אויפגאבע צו זעהען דאס אזעלכע גאראנטיעס זאלען אפגעהיט ווערען.

„אלע איינוואוינער וואס וואוינען איצט אין פוילען זאלען ווערען פוילישע בירגער. פוילען טאר ניט מאכען קיין אונטערשייד צווישען פאליאקען און מענשען פון די מינאריטעט נאציאנען. רעגירונגס שטעלען זאלען דארפען פארטיילט ווערען צווישען אלע איינוואוינער גלייך.

די מינאריטעט באפעלקערונג מוז האבען די פולע פרייהייט צו ארבייטען, צו האנדלען און אנפיהרען אינדוסטריען ניט געשטערטערהייט.

די מינאריטעט באפעלקערונג מעג זיך געברויכען איהר אייגענע שפראך, שולען רעליגיע, צדקה אנשטאלטען, און וואהלען צום פארלאמענט טארען ניט געהאלטען ווערען אין שבתים אדער יום טובים, די אידען זאלען האבען א גאראנטיע צו קאנען באנוצען זיך מיט זייער אייגענער שפראך.

עהנליכע אפמאכונגען וועלען אפגעמאכט ווערען מיט די אנדערע נייע לענדער.

באלשעוויקעס העלפען פאגראמירטע אידען

(אינט. איד. פרעס ביורא.)

ניו יארק, יוני, 2.

אינפארמאציעס צום „טאג" מעלדען דאס אין ראראמישל האבען סאקאלען געמאכט א פאגראם אויף אידען און אומגעקומען ארום טויזענט אידען.

די באלשעוויסטישע רעגירונג פון קיעוו האט געשיקט הילף און איינגעשטעלט ארדנונג אין שטאדט.

רומענישע אידען פאדערען פאלשטענדיגע נאציאנאלע רעכטע

הומאניטעט ליעג גיט איבער א מעמאראנדום דער פראנצויזישער רעגירונג וועגען רומענישע רדיפות.

(אינט. איד. פרעס ביורא.) פון לעא זאלפסאהן.

פאריז, יוני, 2.

די אידישע קאמיסיע פון די פראנצויזישע און רומענישע אידען האבען איבערגעגעבען א מעמאראנדום צום שלום קאנפערענץ פאדערענדיג פאלשטענדיגע מינאריטעט רעכטע פאר די אידען פון רומעניען. די פאדערונג זאגט אויסדריקליך אז די אידען אין רומעניען זאלען קאנען פיהרען א זעלבסטשטענדיגען נאציאנאלען לעבען.

די הומאניטעט ליעג פאר מענשליכע רעכטע, וואס האט זיך געגרינדעט מיט'ן צוועק צו באקעמפען אידישע פארפאלגונגען, האט איבערגעגעבען מיניסטער פישאן א מעמאראנדום וועגען די רומענישע פארפאלגונגען אויף אידען און אויך א פראטעסט געגען אזעלכע רדיפות.

רומענישע רעגירונג גיט ארויס נייע דעקרעטען.

די רומענישע רעגירונג האט ארויס געלאזען א נייעם דעקרעט וועגען דער פראגע פון אידען רעכטע. די נייע געזעצען זענען פיעל בעסערע ווי די וואס זענען געבען, אבער דר שלום קאנפערענץ און די אנדערע קאמיסיעס זענען ניט צופריעדען.

דער שלום טראקטאט מיט רומעניען וועט ענטהאלטען פונקטען וואס וועלען באצוועקען צו פארזיכערען די אידישע רעכטע.

אין די פונקטען וועט אויך געמאכט ווערען א פראוויזיע אז די נאציאנען ליגע זאל האבען די אויפגאבע צו זעהען אז די פונקטען זאלען דורכגעפיהרט ווערען.

אידישע דעפוטאטען באווייזען דאס עס עקזיסטירט א פאגראם ארגאניזאציע אין פוילען

(אינט. איד. פרעס ביורא.)

ניו יארק יוני, 2.

ידיעות צום „טאג" מעלדען דאס די אידישע דעפוטאטען פון פוילען האבען איבערגעגעבען א מעמאראנדום צו פרעמיער פאדערעווסקי, באווייזענדיג איהם דאס אין פוילען עקזיסטירט אן ארגאניזאציע פאר'ן צוועק צו מאכען פאגראמען אויף אידען, און זיי פאדערען א קלאהרען ענטפער פון דער רעגירונג וואס זי רעכנט צו טאן וועגען דעם.

ענגלישער פארלאמענט ווארפט דורך א פארשלאג אפצושאפען טיטולען

פארלאמענט מיטגליעד באהויפטעט, דאס אויסוואורפען האבען באקומען טיטולען צוליעב זייערע פעטע נדבות צו דער פארטיי.

לאנדאן, יוני, 2.

אין האוז אוו קאמאנס איז אריינגעבראכט געווארען א פארשלאג אפצושאפען די סיסטעמע פון געבען עהרען טיטולען, אבער דער פארשלאג איז דורכגעפאלען מיט 50 שטימען געגען 112.

עס איז אבער יא באשלאסען געווארען, אז אין דער צוקונפט זאל מען זיין מעהר פארזיכטיגער מיט'ן אויסטיילען טיטולען און בלויז מענשען וואס האבען אויך אן אמת פארדיענסט אזא כבוד זאלען באקומען טיטולען.

באשולדיגט די רעגירונג.

דער פארשלעגער פון דיעזען פארשלאג איז געווען גענעראל פיידזש קהאפט. ער האט באהויפטעט דאס די יעניגע מענשען וואס פארמאגען גרויסע בייטלען מיט געלט זענען זיכער צו באקומען פלעצער אין פארלאמענט ווי די וואס האבען בלויז שכל אהן מזומן.

„דער לעצטער פארלאמענט", האט דער גענעראל געזאגט, „האבען ביז צוויי הונדערט מיטגליעדער באקומען טיטולען און הויכע שטעלען, און צווישען די יעניגע וואס האבען באקומען די עהרען טיטולען געפינען זיך אזעלכע מענשען וואס קיין אנשטענדיגער מענש וואלט זיי ניט ארייגעלאזען צו זיך אין הויז אריין, און מאנכע צייטונגען באהויפטען, דאס אזעלכע מענשען וואלטען שווארץ באלאטירט געווארען אין איינענער וועלכען קלוב פון אנשטענדיגע מענשען.

לארד האף סיסעל האט צוגעגעבען, דאס מענשען האבען געקראגען טיטולען בלויז פאר זיין געטרייע פארטיי מיטגליעדער און ניט פאר האבען געטאן גוטע זאכען פאר'ן לאנד בכלל.

האלבע רעזאלוציע אנגענומען.

די רעזאלוציע ווי זי איז פארגעשלאגען געווארען איז צוריקגעוויזען, אבער דעפאר האט באנאר לאא אנערקענט א טייל פון דער רעזאלוציע און עס איז באשלאסען געווארען אז אין דער צוקונפט זאל באשטימט ווערען א קאמיטע פון פריווי קאנסיל כדי פריהער נאכצופארשען די כאראקטערען און די פארדיענסטען פון די מענשען וואס פארדיענען צו באקומען טיטולען.

וועט מען געבען טיטולען צו קענעדער בירגער ?

אטאווא, יוני, 2.

עס איז מעגליך דאס אין די היגע פארלאמענט קרייזען זאל הערשען א גרויסע איבערראשונג, אין פאל דער קעניג זאל ווי דער מנהג איז צו זיין געבורטס טאג נאכאמאל פארטיילען עהרען טיטולען אויך צו קענעדער בירגער. דער לעצטער באשלוס פונ'ם פארלאמענט איז געווען צו פארלאנגען פונ'ם קעניג אויסצולאזען קענעדער בירגער פון צווישען די וואס מען דארף געבען טיטולען. דער באשלוס פון פארלאמענט איז נאך דעם קעניג ניט איבערגעגעבען געווארען, אבער דער קעניג ווייסט שוין פונ'ם באשלוס.

לויט דעם באשלוס האט דער קענעדער פארלאמענט גאר ניט דאגעגען אז מענשען וואס האבען זיך אויסגעצייכענט אויפ'ן שלאכטפעלד זאלען באקומען עהרען ציינכענס, אבער ניט קיין טיטולען ווי באראן „נייט" א. ז. וו. אבער ציווילע מענשען דארפען קיין איינציגע כבודים אדער טיטולען ניט באקומען.

עס איז אבער גאנץ מעגליך אז דער יעניגער עלעמענט וואס וויל דוקא אויפהאלטען דעם אריסטאקראטישען קלאס דא אין לאנד וועט אויסווירקען אז דער קעניג זאל פראסט פשוט איגנארירען דעם באשלוס פונ'ם קענעדער פארלאמענט.

אן עקסטרא „זשורנאל"

אין פאל פון אויסערגעוועהנליכער פאסירונג וועט דער „אידישער זשורנאל" ערשיינען אין א אן עקסטרא אויסגאבע דאנערשטאג נאכט.

פאליאקען זעצען פאר רדיפות

(אינט. איד. פרעס ביורא.)

ניו יארק יוני, 2.

אינפארמאציעס צום „מארגען זשורנאל" מעלדען דאס די פאליאקען זעצען פאר צו מאכען רדיפות אויף אידען. אידען אין ווארשא ווערען געשלאגען דערפאר ווייל זיי ווילען זיך אומקעהרען קיין ווילנא. דער באיקאט אויף ווילנא ווערט פארגעזעצט און די אידען קאנען ניט באקומען קיין עסענווארג.

עס ווערט אויך געמאלדען, דאס אין א פאגראם פון סאקאלקא וואו אידען זענען איינגעמארדעט געווארען.

אריסטאקראטיע פראטעסטירט.

עס ווערט אויך איבערגעגעבען דאס סער סטיווארט סעמיועל און לארד מאנטעפיארע שיקען א פראטעסט צו די רעגירונגען געגען די פאגראמען.

גרויסער פראטעסט מיטינג.

די פיהרער פון ענגלישען אידענטום ארנזשירען א גרויסען פראטעסט מיטינג געגען די פאגראמען. דער מיטינג וועט געהאלטען ווערען אין דעם „מענשאן האוז" אין דער וואוינונג פונ'ם לארד מעיאר פון לאנדאן.

פרעמיער לאיד דזשארדזש זאגט ציוניזם איז ערפאלגרייך

(אינט. איד. פרעס ביורא.)

ניו יארק יוני, 2.

אינפארמאציעס וואס זענען דא ערהאלטען געווארען מעלדען, דאס פרעמיער לאיד דזשארדזש האט געשריעבען א בריעף צו פראפעסאר חיים ווייצמאן, באהויפטענדיג דאס דער פארלאנג פון די ציוניסטען איז ערפאלגרייך.

פערציג טויזענט אידען אויסגעשטארבען פון הונגער אין וויען

(אינט. איד. פרעס ביורא.)

ניו יארק יוני, 2.

אינפארמאציעס וואס זענען צוגעשיקט געווארען פון הארייט לאוועשטיין מאקס פיין און מ. גילים, שלוחים פון דער דיסטריביושאן קאמיטע מעלדען דאס אין וויען זענען אויסגעשטארבען פערציג טויזענט אידען פון הונגער.

קינדער אונטער פיער יאהר אלט אויסגעשטארבען

עס ווערט אויך געמאלדען דאס אלע קינדער אונטער פיער יאהר זענען אויס געשטארבען, די קינדער וואס זענען געבליבען לעבען אין עלטער פון 4 ביז 8 יאהר קאנען ניט ארומגעהען אזוי שוואך זענען זיי פון הונגער. די שווייצארישע אידען אדאפטירען הונדערטער קינדער פון ווינער פליכטלינגע.

א בריעף פאר אייך

היינט וועט איהר ערהאלטען א בריעף, וועלכער איז פון דער גרעסטער וויכטיגקייט. דאס איז א בריעף אין וועלכען דער היגער מלחמה קאנפערענץ אינפארמירט אייך וועגען דער לאגע פון די אידישע ליידענדע פון דער מלחמה און פאגראמען.

אין דיעזען בריעף וועט איהר אויך געפינען א געוויסע צאהל מיט אריגינעלע אונטערשריפטען פון די אומגליקליכע, וועלכע האבען דירעקט ערהאלטען די הילפע פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קאמיטע אין אייראפא. אויף דיעזען בריעף מוזט איהר אבער ענטפערען. אייער הארץ, וועלכעס איז פול מיט טרויער און מיט לייד פאר דער גרויסער בראך, וואס האט געטראפען אונזערע ברידער, טאר ניט רוהען, ביז איהר וועט ענטפערען מיט א געוויסע ביישטייערונג.

שיקט וויפיעל איהר קענט, פיעל אדער וועניג. — אבער שיקען זאלט איהר, ווייל די נויט איז גרויס און שטיצע מוז שוין געשאפען ווערען.

וויניפעגער סטרייקער פאדערען פרעמיער זאל רעזיגנירען

פרעמיער ריגט בלויז איין טאג צייט צו געבען אן ענטפער — פרעמיער זאגט צו גינסטיגע ארבייטער געזעצען.

וויניפעג, יוני, 2.

א גרויסע מאסע סטרייקער, מיט אומגעקעהרטע סאלדאטען און סימפאטיזירער פון די סטרייקער זענען היינט אריינגעקומען אין דער פארלאמענט געביידע וואו עס האט זיך געפונען פרעמיער נארים, מיט זיינע קאבינעט מיטגליעדער און פארלאנגט פון איהם ער זאל רעזיגנירען פון זיין אמט ווארום ער האט זיך ארויסגעוויזען צו זיין אונפעהיג צו פערוואלטען די געשעפטען פון דער פראווינץ.

דאס איז שוין דאס דריטע מאל, וואס די סטרייקער באזוכען דעם קאבינעט מיט אזא פאדערונג. די דעלעגאציע האט געזאגט דעם פרעמיער דאס מארגען וועלען זיי קומען נאך א ענטפער.

דער עולם פון סטרייקער לעבען דער פארלאמענט געביידע איז געווען זעהר א גרויסער. מאנכע רעדנער צווישען עולם האבען געפאדערט דאס דער פרעמיער זאל איינרופען א ספעציעלע זיצונג פונ'ם פראווינציעלען פארלאמענט מיט'ן צוועק צו פארהאנדלען די פראגע פונ'ם סטרייק, און אנגעהמען אזעלכע געזעצען וואס זאל מאכען דעם פארלאנג פון די סטרייקער אויף א קאלעקטיווען אפמאך א געזעצליכע זאך און די בעלי - בתים זאלען זיין געצוואונגען פונ'ם געזעץ נאכצוגעבען די פאדערונג

פרעמיער'ס ענטפער.

דער ענטפער פונ'ם פרעמיער אויף די אלע פאדערונגען איז געווען דאס ער וועט ניט ארויסגעהען פון זיין אמט, אבער ער וועט אנווענדען אלע זיינע מעגליכקייטען אז עס זאלען אנגענומען ווערען אזעלכע געזעצען וואס זאלען פיהרען דערצו, אז די לאגע פון די ארבייטער זאל פארבעסערט ווערען.

גרויסע דעמאנסטראציעס איבער'ן שטאדט.

וויניפעג, יוני, 2.

א גרויסע צאהל אומגעקעהרטע סאלדאטען און סימפאטיזירער פון די סטרייקער האבען היינט געמאכט גרויסע דעמאנסטראציעס איבער'ן שטאדט.

נאכדעם ווי די עקזעקוטיווע פון די ריילוויי בראדערהוד האט געמאכט דעם ערשטען פארזוך צו ברענגען צו אן אויסגלייך וועגען די פונקטען פונ'ם סטרייק סכסוך האט א גרויסער עולם זיך פארזאמעלט פארענט נעבען סיטי האל. זיי האבען געלאזט וויסען דעם מעיאר טשארלס פ. גרעי, דאס זיי געהען צום דריטען מאל אפשטאטען א וויזיט אין די פארלאמענט געביידען און אויפ'ן וועג וועלען זיי אויך באזוכען א פאר צייטונג'ס פלעצער און די געביידעס ון דער באארד אוו טרייד

שלום פונקטען פאר עסטרייך ענהליך צו דייטשלאנד

אטאווא, יוני, 2.

די רעגירונג האט היינט פארעפענטליכט דעם סך - הכול פון די שלום פונקטען וואס די אלייאירטע האבען איבערגעגעבען צו די עסטרייכישע שלום דעלעגאטען צו אונטערשרייבען. אין עצם זענען די פונקטען ענהליך צו די, וואס זענען איבערגעגעבען געווארען צו די דעלעגאטען פון דייטשלאנד. בלויז יענע שטעלען וואס האבען צו טון מיט די גרענעצען פון עסטרייך אדער די איינציגע ספעציעלע פונקטען וואס זענען נוגע עסטרייך אליין זענען געענדערט געווארען.

לויט דעם אויסגעארבייטען טראקטאט בלייבט עסטרייך א קליינע מדינה פון ארום זעקס מיליאן איינוואוינער.

אין דעם אפמאך ווערט אונגארן פאררעכענט אלס א באזונדערע מדינה.

מוז האלטען פונקטען פון נאציאנען ליגע.

דער אפמאך זאגט דאס עסטרייך פארפליכטעט זיך אויסצופאלגען די קאנסטיטוציע פון דער נאציאנען ליגע, געבענדיג פאלשטענדיגע פרייהייט צו אלע ראסען, נאציאנען, שפראכען רעליגיעס א. ז. וו.

הויפט פונקטען נאך ניט פארטיג.

איינגיע פון די הויפט פונקטען פון דעם שלום אפמאך זענען, נאך ניט פארטיג. צווישען די ניט פארטיגע פונקטען געפינט זיך אויך דער פונקט וויפיעל עסטרייך זאל באצאהלען שאדען ערזאץ. אזוי שנעל ווי די פונקטען וועלען פארטיג ווערען וועלען זיי איבערגעגעבען ווערען צו דער דעלעגאציע.

איטאליענישע פאדערונג נאך אויך ניט פארענטפערט.

פאריז, יוני, 2.

די שלום פונקטען זענען היינט איבערגעגעבען געווארען צו דער עסטרייכישער דעלעגאציע אבער די פראגע וועגען דער איטאליענישער פאדערונג אויף די אדריאטישע ברעגען איז נאך ניט געלייזט געווארען.

דער ראטה פון די פיער גרויס מעכטע האט געהאלטען א קורצע זיצונג איידער זיי זענען אפגעפאהרען קיין סט. דזשערמיין, וואו זיי האבען געדארפט באגעגנען די עסטרייכישע פארשטעהער. פרעמיער ארלאנדא פון איטאליען איז אנוועזענד געווען ביי דער זיצונג. עס איז דיסקוטירט געווארען א פלאן צו האלטען ווייטערדיגע פארהאנדלונגען וועגען דער פראגע פון דער אדריאטישער לאגע.

סטרייק פראבלעמע פאר'ן פעדעראלען פארלאמענט

אטאווא, יוני, 2.

דר. בלייק, פון וויניפעג האט היינט אנגעפאנגען א דיסקוסיע אין פארלאמענט וועגען די אינדוסטריעלע אונרוהען. ער האט געזאגט דאס די אונרוהען האלטען זיך אין פארשפרייטען פון איין עק לאנד צום אנדערען. און עס וואלט געווען א גלייכע זאך אז דער פארלאמענט זאל זיך מיט זיי גלייך באשעפטיגען.

דר. בלייק האט ערקלעהרט דאס מיט דעם וואס שכירות וועלען געהעכערט ווערען וועט נאך די פראגע פון די אונרוהען ניט פארענטפערט ווערען. ער האט ערקלעהרט דאס עס איז אומבעדינגט נויטיג צו מאכען פארשטעהען סיי די ארבייטער און סיי די בעלי - בתים אין דער נויטוועדיגקייט פון קומען צו א פריעדליכער פארשטענדניש צווישען קאפיטאל און ארבייט און ארבייטען הארמאניש און מיט צופריעדענהייט.

ער האט אויך געזאגט דאס די וויניפעגער ארבייטער זוכען באמת איבערצוקעהרען די רעגירונג און איינפיהרען א סאוויעטען רעגירונג.

רב טריטעל!

און ערצעהלונג פון אידי־דישען לעבען
פון מ. ספעקטאר

(פארזעצונג)

א גאנצע נאכט פלעגט ער אויף איהם פאהרען רייטענדיג איבער פעלדער און וועלדער, איבער בערג און טהאלען, ער מיט איהם אפשר די גאנצע וועלט אויסגעפאהרען, און אז עס האט אנגעהויבען צו טאגען, פלעגט איהם דער דאמאוואי צוריק אנידער שטעלען אין דער אייגענער שטאל, פארפלעכטען איהם אלע האר פון דער גריווע, אז עס איז ניט מעגליך געווען זיי אויפצופלאנטערן, עס זייגען אוועק געגאנגען עטליכע נעבט. דאס פערד האט דורך דעם דאמאוואי אנגעהויבען שטארק צו דארען. ער איז געווארען אזוי ווי איהר קענט עס איצטער. דער גענעראל האט דאס באמערקט און האט באפוילען מען זאל אין שטאל אריינשטעלען א ווייסען באראן מיט לאנגע האר, כדי דער דאמאוואי זאל קיין שליטה ניט האבען צום פערד, נאר עס האט ניט געהאלפען. דער דאמאוואי איז געפאהרען רייטענדיג אי אויף׳ן פערד אי אויף׳ן באראן און האט זיי ביידע געמוטשעט ביי דע די האר פארפלאכטען. בקיצור, דער באראן איז א באראן, נאר דאס פערד האט ווייטער געדארט און געדארט נאך ערגער ווי פריהער. אין דער אייגענער צייט האט געדיענט ביי דעם גענעראל א יודישער סאלדאט. זעהר א גרויסער חשוב, און דער גענעראל פלעגט קיין שום זאך אהן איהם ניט טהאן. ער האט דעם אידען עטליכע מעדאליען געגעבען נאך דעם סעוואסטאפאלער קריעג, ווייל דער אידישער סאלדאט האט באקומען אפשר אבצעהן ראניעס. נאך דער מלחמה אז דער סאלדאט האט אויסגעדיענט זיינע פינף און צוואנציג יאהר און בעדארפט געבען אטסטאווקע, האט ער זיך בעטראכט וואס וועט ער ווייטער טהאן, פון וואס וועט ער לעבען אז קיין געלד האט ער ניט, א היים אויך ניט פינף און צוואנציג יאהר פון דער היים. א קליינינקייט אן ארימאן איז ער, דאס און יענעס קען ער ניט טהון, זיין גאנץ פארמעגען בעשטעהט אין עטליכע מעדאליען מיט א סך ראניעס, נאר מיט אזוינע זאכען וואס קען א מענש טהאן אויף א וועלט, וואו מען דארף לעבען? דער סאלדאט האט געטראכט און געטראכט ביז ער האט זיך דערמאהנט אז ער איז א גרויסער חשוב ביים גענעראל, ער איז צו איהם אריבערגעגאנגען און האט איהם געזאגט: גרויסער פריץ! אזוי ווי איך האב דעם קייסער און דיר אבגעדיענט פינף און צוואנציג יאהר, איך האב באקומען אבצעהן ראניעס מיט עטליכע מעדאליען פאר מיין טרייען דיענסט. איצט דארף איך ארויס פון דיענסט, איך האב ניט קיין געלד, און ווייס ניט וואו געלד צו נעהמען, האב אויף מיר רחמנות!

דער גענעראל האט איהם באלד אוועק געשענקט זיין פערד פון מצרים, דער סאלדאט האט זיך זעהר דערפרייט פון דעם גרויסען חסד, ער האט זיך שוין ווי אזוי עס איז געקראגען א וועגעלע, איינגעשפאנט דאס פערד און געווארען א בעל עגלה פון ירידען און קליינע אידישע שטעדטלאך. ווי עס פיהרט זיך מיט א בעל עגלה, פלעגט ער אויספאהרען די גאנצע וועלט. ביז ער איז געקומען קיין זלידניוועקע אויף׳ן יריד. איך, טרייטעל, בין דעמאלט אויך געקומען מיט מיינע פארשוינען און האב דעמאלט געוואלט בייטען מיינע פערד נאר איך האב קיין בעלן ניט געפונען, האב איך זיי פארקויפט. איך געה אזוי ארום אויף׳ן יריד אנקוקען פערד, האב איך דערזעהן פריהער יעקעל דעם קאליקע, איך האב איהם באלד געקויפט. פשוט א מציאה און טראכט מיר אזוי: איך זאל געפינען צו איהם א פאר וואלט גאר געווען גוט. איך געה און געה און דערזעה אזוי פלוצלונג דעם אידישען סאלדאט מיט דעם פערד. ברודער! זאג איך איהם, ווילסטו ניט פארקויפען דיין פערד? איך דארף עס האבען צו א פאר און ווייז איהם מיין אדלעה, מיר האבען זיי צוגעמאסטען און זיי האבען זיך געפאסט ווי גלייך איין מאמע האט זיי געהאט. איך האב מיך געדונגען און געדונגען ביז איך האב עס געקויפט. ווען מיר האבען געטרונקען „מארגאריטש" האט מיר דער סאלדאט געזאגט: „פון דעסטוועגען, ר׳ טרייטעל, באטש זיי פאסען זיך איינס צום אנדערען, זאלט איהר זיי ניט פערגלייכען". און ער האט מיר אנגעהויבען דערצעהלען די גאנצע מעשה פונקט ווי איך האב אייך דערצעהלט, ווי אזוי דאס פערד קומט צו איהם און א סימן אז ער נארט מיך ניט אב, אז דאס פערד לעגט זיך קיין מאל ניט, און אז עס וועט זיך אנידערלעגען וועט עס שוין קיין מאל ניט אויפשטעהן, ווייל עס קומט ארויס פון דעם לאנד מצרים וואו עס וואקסען ווילדע עלעפאנטען וואס לעגען זיך קיין מאל ניט און ווען זיי לעגען זיך איז א סימן אז זיי זיינען געשטארבען. אז דאס פערד האט באקומען א ראנע אין סעוואסטאפאל ביי דער מלחמה זעהט מען דערפון וואס עס געהט נאך עד היום פארבונדען מיט א שמאטע. די גריווע איז עד היום פארפלאנטערט אז קיין מענש קען זי ניט אויפפלאנטערן, דערפאר האב איך מורא אז ווען עס איז א מצרים פערד און האט זיך אנידערגעלעגט, וועט עס קיין מאל ניט מעהר אויפשטעהן באטש עס זישפעט נאך...

— יא, יא, האבען זיך די ווייסע חברה אנגערופען טרויעריג. די מעשה איז טאקי אמת, ער געהט טאקי פארבינדען דעם פוס מיט א שמאטע, ער האט טאקי א פארפלאנטערטע גריווע, עס איז טאקי אמת...

טריינע וואס האט ביז אהער שטיל אויסגעהערט די מעשה, האט נאך מעהר געקרעכצט וואס פון גאטס בעשעפענישען קאן אזוי ווערען.

איינינע האבען גלאט עטליכע זיפצען געטהאן דארוף וואס יעקעל דער לאנגער איז איבערגעקומען פון דעם גענעראל צו טרייטלען און פון דעם גרויסען לאנד מצרים אין דעם קליינעם אידישען שטעדטעל זלידניוועקע.

דאכט זיך וואס האבען זלידניוועקער פרומע אידען און ווייבער צו זיפצען איבער א מעשה פון א טמא חיה? נאר צוהערענדיג די מעשה האט זיך זיי עפעס אליין געזיפצט.

אין איינעם מיט זייער זיפצען האט יעקעל דער לאנגער געטהאן דעם לעצטען זיפץ.

* * *

דרויסען איז שוין געווארען ווייסער טאג, פון די בערג האלעוועשקעס איז שוין מעהר ניט געגאנגען ווי א שווארצער רויך. דער עולם מיט פארשלאפענע פנים׳ער האט זיך אנגעהויבען צו צוגעהן. ערשט איצטער אז עס איז אביסעל גרוימער געווארען האט מען געקענט זעהן ווי בערעל פלאסטער, וואס האט די גאנצע צייט קאמאנדעוועט מיט גרוים גדלות ווי א גענעראל און אויף יעדען געשריגען, האט איצט א פנים געהאט ווי א שווארץ יאהר: דאס גאנצע פנים, די הענד אויסגעשמירט אין בלאטע און אין סאזשע, די שפיציגע אימעלקע צושפאלטען אז די האט האבען ארויסגעשטעקט, דאס העמד, דער טלית קטן צעריסען אז מען האט דאס אויסגעשמירטע הארץ ארויסגעזעהן. טאקי פונקט ווי א גענעראל וואס נעהמט איין א קרעפאסט. האט ער אנגעהויבען שטיל פארטראכט צו געהן אהיים, דער פריסטאוו, די דעסיאטניקעס. דער באד גוי און עטליכע אידען זיינען צוגעגאנגען אנקוקען פלאסטערן. איינינע האבען געלאכט, גלייכע ווערטלאך געזאגט און חוזק געמאכט פון איהם, נאר דער פריסטאוו האט איהם געגעבען א קלאפ אין דער פלייצע און געלויבט: „מאלאדיעץ בערקא!" אין איין וועגס האט ער איהם עטליכע מאל געצויגען ביים אויער, דאס איז א סימן אז בערקא געפעלט שטארק דעם פריסטאוו פאר זיינע ראטפריאזשעניעס ביים פאזשאר. אז דער פריסטאוו איז אוועקגעגאנגען האבען דאס אייגענע איבערגעחזרט די דעסיאטניקעס און אפילו דער באד גוי, ד. ה. איהם געשריגען „מאלאדיעץ בערקא" און געריסען ביים אויער. באטש בערעל האט זיך ווי מען האט איהם אנגענומען ביים אויער זעהר פארקרימט, נאר ער איז פארט געווען צופרידען ווייל דאס זיינען געוועזען זיינע שטענדיגע נאגראדים נאך יעדען פאזשאר.

די אידען וואס זיינען דערביי געשטאנען האבען געשמייכעלט ווייל זיי זיינען זעהר צופרידען געווען וואס דער איד בערעל באטש ער איז א פרומער חסיד געפעלט פאר דעם אדון דעם פריסטאוו און די אדונים — די דעסיאטניקעס. זיי האבען פשוט בערלען מקנא געווען פאר דעם גרויסען כבוד וואס ער האט איצטער געהאט פון דעם אדון מיט דער גאנצער נאטשאלסטווע.

א שבת׳דיג פאר פאלק.

אין קלויז שטעלט מען זיך אין זלידניוועקע פון תמיד אן דאווענען שבת זייגער ניין, נאר היינט איבער דעם פאזשאר האט מען זיך פארשלאפען אויף א שעה און מען האט זיך געשטעלט דאווענען זייגער צעהן. עס איז שוין אבער עלף א זייגער. באטש דער חזן שטעהט שוין פון א שעה פאר דעם עמוד, נאר מען הערט פון איהם ניט קיין ווארט... א געוואלד, א געפילדער אין קלויז, עס טהוט זיך ווי מען זאגט אויף טיש און אויף בענק. די גאנצע קלויז געהט כאדאראם! און איז דען עפעס א וואונדער א קלייניגקייט!... אזא נייעס האט זיך געטראפען אין זלידניוועקא, מיט וועלכען דאס גאנצע לעבען איז טאג טעגליך פארבונדען! דעם מזרח שטאט איד, ר׳ אברהם׳ל געלעם טוט שוין ווען די הענד פאטשענדיג אין סידור:

שאט, שאט, לאז זיין שטילער! לאז מען הערען פון דעם חזן א ווארט. באטש קדושה!

נאר ווער הערט איהם איצטער מיט זיין שרייען? אלע רעדען, אלע פילדערען, זאגען דעות, אפילו איינגלאך, ווייסע חברה רדערען זיך אויך אין דער מיט. יעדער איז אזוי פארטראכט און קיינער האט קיין צייט ניט צו זאגען דער ווייסער חברה: שקצים, לאז זיין שטילער! נאר וואס הערט מען פון דעם גרויסען געפילדער, געשריי און גערודער? — באד, באד און ווייטער באד, וואס וועט מען טהאן אהן א באד, בויען א נייע באד, א. ז. וו.

אומגליקליכע זלידניוועקער! זיי האבען נעבאך שוין איצט אויף דער הייסער שעה געפיהלט ווי די באד נעהט זיי אב ווי דאס לעבען. דער גאנצער שבת׳דיגער פארגעניגען איז פארשטערט געווארען איבער דער מקוה, און וואס פאר א תענוג האט דען א איד אין זלידניוועקע? ווען ניט די מקוה! איז דען גאר איבערצוגעבען דעם סאידענעם פארגעניגען שבת פון דער מקוה? ער כאפט זיך אויף גאנץ פריה, זומער ווען עס איז שוין גוטער טאג ער טהוט זיך אן ווייסע וועש און די שבת׳דיגע שטעקשיך, וואס ער האט נעבמען אנגעטהאן לכבוד שבת. דעם כאלאט מיט די קאטעסען, וואס אפילו דער געמיינער בעל הבית וועלכער האט ניט קיין גאנצען סורדוט מוז האבען, אט אזוי אויסגעפוצט שפאנט ער מיט גדלות איבער זלידניוועקע, איבער אלע גאסען און געסלעך גלייך צו דער מקוה. דער גרויסער גאנג צו דער מקוה געדויערט כמעט אנדערהאלבען שעה. באטש ער וואלט בעדארפט געדויערען העכסטענס צעהן פופצעהן מינוט. גאנץ זלידניוועקע מיט אלע געסלאך און גאסען איז דאך ניט גרעסער פון א נענעץ. אויף וואס געהען אוועק ביים אידען די אנדערטהאלבען שעה? גלויבט מיר אז ניט אויף אומזיסט, ווי איהר וועט באלד אליין זעהן, נאר פריהער מוז איך אייך דערצעהלען:

א איד א גאנצע וואך (חוץ שבת) ווען ער דארף ערגעץ געהן, געהט ער נאר גלייך, ד. ה. אהין וואו ער דארף געהן, וואו ער געפינט זיין פרנסה, מיט אנדערע ווערטער — ער געהט נאך צוליעב זיין אינטערעס, צוליעב דעם שטיקעל ברויט, און ער דארף זיך טאקי גענוג אנגעהן איידער ער געפינט עס. ווען דער איד געהט זיך מיט זיין שטענדיגען וועג, מעג מען פון אלע זייטען ארום איהם שרייען, קלאפען שפיעלען טאנצען און פויקען, וועט ער זיך ניט נעהמען אן דער זייט, ער וועט ניט אראבגעהן פון זיין וועג. קיין שום צעדשטרייאונג געהט איהם ניט אין קאפ אריין, ווייל זיין קאפ איז שטענדיג מיט עפעס אנדערש פארטראגען. בעשולדיגט אבער ניט דעם אידען דערפאר וואס, ווי איך האב מיך אויסגעדריקט, ער געהט נאר נאך זיין אינטערעס, מיינט ניט אז ער טהוט עס ווייל ער איז איין עגאיסט, ווען מען קאן עמיצען בעשולדיגען איז דאס גיבער מיך, ווייל איך האב ניט געפינען אין אונזער ארימער שפראכע קיין בעסערען אויסדרוק וועגען דעם מיט וואס דער איד איז פארנומען מיט וואס זיין קאפ איז פארטראגען ווען ער שפאנט און לויפט די גאנצע וואך. אפילו זיין ווייב און קינדער האבען טענות צו איהם.

(ווערט פארגעזעצט)

חתן כלה
זאלען דאס נעהמען אין אכט!

מערידזש לייסענס
קאן מען קריגען
אין אפיס פון
אידישען זשורנאל

נאטים! נאטים!
די יענינע וואס וועלען נעהמען זייערע מערידזש לייסענס וועלען קריגען געדרוקט א שעהנעם בעריכט פון זייער חתונה פריי.

בענוצט זיך מיט
דיעזע געלעגענהייט!

אדרעס פון דעם זשורנאל:
251-253 קווין וו.

אפיס טעלעפאן מיין 5040
און מיין 5041
הויז טעלעפאן קאלעדזש 7009
י. ו. בראדי ב. א.
פון
האלים, ווילסאן און בראדי.
באריסטערס, סאליסיטארס, נאטאריום א. א. וו.
געלט צו לייהען
8—506 טעמפעל בילדינג, טאראנטא.
קארנער ריטשמאנד און בעי.

דר. פאומאז
דענטיסט
האט זיין
דענטיסט אפיס
קארנער מיקאל און דאנדאס סט. איבער דער דאמיניאן באנק.
טעלעפאן קאלעדזש 7782.

דר. ד. א. סיגעל
דענטיסט
קארנער דאנדאס סטריט און ספעדיינא עוו. אפיס טעלעפאן קאלעדזש
6078 הויז טעלעפאן קאלעדזש 6937

דר. ס. פיוניק
דענטיסט
שפעציאליזט עקסטראקשאן פון ציין
קאר. קווין און ספעדיינא עוו רום 2
טעלעפאן אדעלייד 4067

דר. בערנארד שאפער
דענטיסט
האט ערעפענט
א דענטיסט אפיס
אין 346 קאלעדזש סטריט
איבער׳ן קליין האוז מאסטער.
טעלעפאן קאלעדזש 253

צאהלט ניט קיין קאמישאן
מיר צאהלען פאציענטען ניט קיין קאמישאן צו קיינע דאקטוירים פאר זייערע רעצעפטען. ברענגט עם אהין צו אונז און מיר וועלען אייך שפארען דעם דאזיגען קאמישאן און חוץ דעם פון 10 ביז 20 פראצענט אויף יעדען רעצעפט.
Claude J Halloran
דאקטויר דראגיסט
דאנדעס און ספעדיינא עוו.
עדלייד 1281
מיר פיטען נאך רעצעפטען און דעליווערן.

פסקטאר און שולמאן
באריסטערס סאליסיטערס א. א. וו.
לאו אפיס
303 לאמסדען בילדינג
6 אדעלייד סטריט איסט, טאראנטא
טעלעפאן מיין 4359

איזידאר
פיינבערג
(לאיער)
קאמישאנער און דיעדס.
געלד צו לייען.
171 יאנג סטריט
רום 35 אימפעריאל באנק.
טעל. מיין 8406
וואוינונג טעלעפ. הילס. 2296

קאהען און קאהען
באריסטערס און נאטארי פאבליק
א. א. וו.
סאן לייף בילדינג
60 וויקטאריא סטריט
מיין 2684
אברהם קאהען נארט 267
סעמיועל קאהען דזשאנקשאן 1545

פאר לייף אינשורענס און אנדערע
ביזנעס ריינגט אב
י. ראזען
3741 קאלעדזש
וואהנונג 1½ לעאנארד עוו.

א שענע הויז
ווילט איהר האבען אייערע רומס זאלען זיין דעקארירט און אנגעמאלט צו וואוינען אין הויז, דאן ווענדעט זיך צו אטיס ברידער 531 דאנדאס וועסט, וועלכע זיינען די איינציגע לייטע אין דעם פאך. צופרידענהייט גאראנטירט. טעלעפאן קאלעדזש 9179. אויך פארקויפן מיר פיינט און פייפער.
6035 6 28

צו פערענטען!

רומס מיט בארד צו פערענטען אויף א פארם, א הויז פון 20 רומס מיט אלע באקוועמליכקייטען און די בעסטע שפייזען וואס די נאטור האט געשאפען. מעסיגע פרייזען.
M. Kushner Vivian Ont. P. O.
6357 6 19

צו פערענטען א שלאכט הויז פאר קויליגען טשיקענס 81 עליזאבעט סטריט ביליג רענט.
1540 6 8

צו פארענטען א פלעט פון 4 רומס מיט אלע קאנוויניענס א סינק און קיטשען געז און עלעקטריק 39 אקספארד סטריט.
6535 6 3

צו פארדינגען א פלעט פון 3 שעהנע רומס מיט אלע קאנוויניענס ביי אנשטענדיגע פאמיליע נאכפרעגען 116 פיטער סטריט.
6570—6—6

צו פארענטען א סטאר און רומס און א סטייבעל מיט אלע קאנוויניענס. גלייך אריינצומופען, 26 סט. ענדרו סטריט.
6575—6—6)

א ליכטיגען פלעט, 4 גרויסע רומס, ספעראט געז. גלייך אריינצומופען, 37 ד׳ארסי סטריט.
6574—6—8)

צו פערענטען א הויז 8 רומס, אלע קאנוויניענס $38.00. 60 לעאנארד עוו. נאכפרעגען 107 נעסאו סט.
6580—6—4)

אין פאלגענדע פלעצער באקומט מען דעם
„אידישען זשורנאל"
טעגליך

וויינבערג 257 קווין וועסט
הערמאן 555 דאנדאס וועסט
פרידמאן 48 קענזינגטאן עוועניו
וואלערשטיין 332 ספעדיינע עוו.
גודמאן קארנער טשעסטנאט און קווין.
ווייס קארנער דאנדעס און טעראלי.
מארקאוויטש 60 טעראלי סטריט
דווארקין 60 עליזאבעט סטריט
יודקין 465 קווין וועסט.
קארנער דזשאהן און קווין סטריט
אייזיקאוויטש 276 ספעדיינא עוו.
שאפירא 78 קענזינגטאן עוו.
גינזבורג 804 דאנדעס וועסט.
טורקעל 840 דאנדאס וועסט
האפמאן 339 ספעדיינא עוועניו
קרעמער 277 מעגינג עוועניו
מאנעלא 614 דאנדאס וועסט
מארין 1 מיטשעל עוועניו
איסר 236 פאלמערסטאן עוועניו
לעווינזאן 176 טעראלי סטריט
גאלדשטיין 29 דזשעראַרד וועסט
וואולף 62 יוקליד עוועניו.
ה. דווארקין 525 דאנדעס וועסט
מארפעלד 867 קווין וועסט
זאקהיים 89 אסינגטאן עוועניו
קאהען 226½ מארקהאם
גרענט 126 דעניסאן עוועניו
סאסקין 132 נאסאו
עפשטיין, 103 בראנזוויק עוו.
גראסמאן 49 נערענדזש עוועניו
נעלסאן 107 מארקהאם סטריט
קאטשער 77 פאלמערסטאן
סילווערמאן 99 דאנדאס וועסט
בערגער 250 ספעדיינא עוועניו.
לעדערמאן 66 נאסאו
סאבאל 26 אלסטער סטריט
העלמאן 794 דאנדעס וועסט
מערליק 795 קווין וועסט
דיליק 74 וועגאלי סטריט
אין דער איסט
פרענקעל 380 קווין איסט
שולאקער 176 אנטאריא סטריט
ברינזי 268 פארלאמענט
בעלאק 289 קווין איסט
אין מארריי סט. דזשאנקשאן
מרס מארים 171 מארריי סטריט

ביזנעס שאנסען

טעלעפאנירט אדעלייד 153.
פאר מעסענדזשער.
אלע סארטען שערען נעשארפט און געשליפען פון 10 סענט און העכער.
אלע סארטען רייזער בליידס נעשארפט אויך די נעוועהנליכע רייזערס נעשארפט און נעשליפען און אריינגעשטעלט נייע הענטלאך צו רייזערס.
מיר קומען נאך דער ארבייט.
די אלערט, שארפער, רעג
180 באטהורסט סט. טאראנטא. אנט

עלעקטרישע פיקטשורס עלעקטרישע פארמאכטע וויירינג ווערט פון אונז אריינגעשטעלט אין אלטע הייזער. מיר מאכען אויך מאטאר - וויירינג, ריפיירס און אלעס אנדערעס אין דער עלעקטרישער ליין. ארבייט איז גאראנטירט. עסטימייטס ווערען פריי געגעבען. ארט עלעקטריק 307 יאנג סט. פאן מעין 2413.
4117—6—7)

ביזנעס קויפען און צו פערקויפען

מילך וועגען צו פארקויפען און אויך פעדלער וועגען לייכטע און שווערע און אויך ווערט געפיקסט אלערליי וועגען ביליג און גוט, 44 פיטער סטר.
6091—6—4

א בעדרום סעט אין גוטען קאנדישאן און אויך א קיטשען סעט צו פארקויפען 284 מארקהעם סטריט.
6534 6 3

אויספארקויפען פון גראסעריס, פיקטשעס, פארניטשור קלאוז א נייע דעוועגפארט, א טשיינג קאבינעט א גרויסע סאן סקייל 401 פראנט איסט טעלעפאן מיין 5125.
6537—6—3

צו פארקויפען א הויז פון 6 רומס פראנט בריק, קאנוויניענס א גרויסער בארגיין פאר דעם מאן וואס וויל קויפען א קליינע הויז 76 וועגאלא סטריט.
6550 6 4

$4000 א גאלדענע געלעגענהייט פאר א 574 דאנדעס סטריט איסט.
6502 6 3

גראסעריעס, רעסטאראנטס וועלכע יוזען אונזערע שמעקעדיגע טהע און קאפי קריגען א גוטען נאמען, ווערען ערפאלגרייך. פיפעלס טהע און קאפע סטאר 284 קווין סט. וועסט, פאן אדעלייד 5270

צו פארקויפען א הויז פון 6 רומס מיט אלע קאנוויניענס א גוטע געלעגענהייט צום שנעלען קויפער אורזאכע פארלאזט די שטאדט, ווענדעט זיך 15 פיבי סטריט.
6572—6—8

א גרויסער בארגען צו פערקויפען א פאר סאליד בריק 6 רומיגע הייזער אין איין שעהנעם געגענד מוז גלייך פארקויפט ווערען דער אייגענטימער געהט אין ביזנעס און מוז האבען די געלט, ענו גוטער אפער וועט זיין עקסעפטעט 62 בעלוויו עוו. קאל. 4820
6569—6—8

צו פארקויפען א פארד טאן טראק אין גוטען ארדער. 155 באטערסט סט.
6571—6—8

צו פארקויפען איין דעליווערי טראק מיט איין צוגערעכטען באדי, אין גוטען ארדער. נאכפרעגען 284 רוים עוו. גרעוויטש.
6555—6—6

א בארגיין צום שנעלער קויפער א הויז מיט אלע קאנוויניענס אין בעסטען קאנדישאן דער וואס מיינט ביזנעס זאל זיך מעלדען 200 אגוסטא עוו.
1514—6—8

א גאלדענע געלעגענהייט פאר איין פריוועט הויז אדער ביזנעס א קארנער, 9 ליכטיגע רומס אלע קאנוויניענס מיט איין פערמיט צו מאכען א פרענטש קלינינג פלענט האט א ווערט פיעל געלט, פאר וועלכען עס זוכט א קלינינג ביזנעס. 574 דאנדעס סט. איסט.
6502—6—5)

צו פארקויפען און איינסקרים פארלער לאנטש רום און סיגאר סטאר. שמעהנסטע פיקטשורס און א שעהנע סטאר און וואהנונג. אייגענטימער געהט אין אנדערע ביזנעס. טעלעפאנירט קאלעדזש 1494, נאך 6 א זייגער אווענט.
1578—6—8)

דעכער פיקסען

אלערליי דעכער פיקסען און ניי מאכען ביליגע פרייזען און געלט נאך דעם רעגען. אויך רינגס מאכען. ס. מאנהיים און קא. 130 יוראן סטריט טעלעפאן קאלעדזש 3859

צו זיין געזונד
האלט ריין אייער מאגען
העפי האם
ווירקט!
רייניגט! לויטערט!
דעם מאגען דאס בלוט
פערקויפט איבעראל. אין 25 ס. באקס.

אמת׳ע
דיאמאנטען
מזומן
אדער קרעדיט
זייט זיכער צו קויפען ביי אונז דיאמאנטען. מיר זיינען די דירעקטע אימפארטירער פון דיאמאנטען. מיר האנדלען בלויז מיט דיאמאנטען, און מיר גאראנטירען אייך איינצושפארען ווענינסטענס 20% אויף דעם וואס איהר וועט זיכער צו צאהלען אין אנדער גרויסען שטאק. מיר לאזען ארונטער א ספעציעלען דיסקאונט פון 10% פאר מזומן.
דזשייקאב בראס
15 טאראנטא ארקייד
געגענאיבער טעמפערענס סט.

ארבייטער פערלאנגט

אגענטען פערלאנגט. פארטרעט אגענטען פערלאנגט פאר גוטע פרנסה פינישינג איז אונזער ספעציאליטעט פרייזען אלעס צו ביליגע פרייזען, גוטע סוויד־ווים, יוניווערסאל ארט קאמפאניע 4 בראנזוויק עוו.
5022)

דער אלט בעקאנטער פייפער הענגער און פיינטער מאכט יעצט די בעסטע ארבייט מיט די שעהנסטע פייפערס צו די ביליגסטע פרייזען. ב. שאפירא 68 מיירדשאר סטריט. טעלעפאן קאלעדזש 2229.
6393 6— 21

איפמערקזאם!

אויב אהר דארפט קארפענטער ארבייט, אלטעריישאן אדער נייע. ווענדעט זיך צו מאריס סמיט 31 ד׳ארסי סטריט.
6388 6 20

דעכער צו פיקסען

שינדלעס און גראוועל און סלייטס און נייע דעכער מיט גאראנטי. מינהיים און קאמפאניע, 80 באלדווין סטריט. טעלעפאן קאלעדזש 7218.
6379 6 20

פערלאנגט זאפארט
אפערייטארס
אונטערפרעסערס
שניידערס
באטען האל אפערייטארס
צו דינע קאוטס
40 שטונדען א וואך
העכסטע וויידזשעס
ע. דיש. העקבערן און קא.
6־טע פלאר 50 יארק סט.
אווענדס טעלעפאן מר. פענילידזש
פארקדייל 5494
6560—6—9

פערלאנגט זאפארט
אפערייטארס
פינישערס
ארם־האל סערדזשערס
באטען האל מייקער
באטען נייערס
בייסטינג פולערס
צו דינע קאוטס
אויך מיידלאך צו לערנען
40 שטונדען א וואך
העכסטע וויידזשעס
ע. דיש. העקבערן און קא.
6טע פלאר
50 יארק סט.
אווענדס טעלעפאן מר. פענילידזש
פארקדייל 5494
6559—6—9

פערלאנגט זאפארט
דרעסעס אפערייטארס
ע. דיש. העקבערן און קא.
50 יארק סט. 6טע פלאהר
6561—6—9

פערלאנגט זאפארט
אפערייטארס צו פענס
ע. דיש. העקבערן און קא.
6טע פלאר 50 יארק סט.
6562—6—9

פערלאנגט אן עקספיריענסד סיילעס־לידי פאר ליידיס רעדי־צו־וויער און אויך א מאן פאר דזשענטלמענס רעדי צו וויער מוז זיין עקספיריענסד ווינדאו דרעסער, 172 דזשיימס סטר. נארט האמילטאן אנטאריא.
6558—6—6

פערלאנגט ביי א אנשטענדיגער קאפעל אהן קינדער 4 אדער 5 רומס אפארטמענט, מוז זיין מיט אלע קאנוויניענס וויליג צו צאלען א גוטען פרייז זשורנאל באקס 900
1513—6—6

פערלאנגט עקספיריענסד פינישערס און אפערייטארס צו קינדערשע קאוטס פערפעקשאן טשילדרענס קלאוק קא. 118 ריטשמאנד סט. וועסט.
6556—5—5

פערלאנגט א טיילאר סטעדי ארבייט און בעסטע וויידזשעס, ה׳ מעניש און קא. 145 קווין וועסט.

פערלאנגט אן ערשטע קלאס קעכין פאר א כשר׳ן רעסטאראנט. זיך ווענדען 166 קווין וועסט.
6567—6—9

פערלאנגט א שניידערקע פאר וועסטס און האנט באטאן האל מייקערס. זיך ווענדען גלייך צו מר. בליס 442 אנטאריא סטריט, אדער טעלעפאנירט מיין 983.
1575—6—6)

פערלאנגט אונטערבייסטער צו מענער ארבייט. נאכפרעגען עמפייער קלאדינג קא. 156 דזשאהן סט.
6579—6—5)

פערלאנגט פינישערס און האנט נייערס צו מענס קאוטס. בעסטע וויידזשעס געצאהלט. נאכפרעגען טשונליס, 298 יאנג סטריט.
6581—6—3)

פערלאנגט א פארטנער אין א טיילאר שאפ צו מענס קאוטס. נאכפרעגען מר. קוריז, 14 אגוסטא עוו.
6582—6—6)

עס איז געזאמעלט געווארען $300 פאר די מלחמה ליידענדע ביי מר. סינגער אין 63 מאריי סטר.
3301

ווער בויט דאס אידישע היימלאנד?

פון א. ציוני

(פובליסיטי דעפארטמענט פון דער קענעדער ציוניסטישער פעדעראציע)

מיר זעהען אין די לעצטע עטליכע חדשים אן ערשיינונג, וואס איז פון איין זייט שעהן און ריהרענד ביז טרערען, אבער פון דער אנדערער זייט ענטהאלט זי אין זיך א געפאהר פאר אונזערע האפנונגען: אידען פארקויפען זייערע געשעפטען, רייסען איבער קאריערעס אין די גלות־לענדער, צופליקען די פעדעם, וואס האבען זיי צוגעבונדען צו זייערע היימען אין גלות און קלייבען זיך ביי דער ערשטער געלעגענהייט, באלד ווי שיפען וועלען אנהויבען קורסירען, צו עמיגרירען קיין ארץ־ישראל.

עס האבען זיך זאגאר געהאט פארשפרייט ידיעות, אז גאנצע אידישע קהלות פון פוילען, רומעניען און אנדערע לענדער האבען איבערגעלאזט זייער האב און גוטס און יונג און אלט האבען זיך צו־פוס געלאזט וואנדערען צום הייליגען לאנד. פארשטעהט זיך, אז דאס זענען נישט מעהר ווי לעגענדעס, וועלכע דערציילען אבער פון א סענטימענט, וואס עקזיסטירט אין דער ווירקליכקייט צווישען אידען אין גלות, און אז א סך טויזענטער אידען שטעהען טאקע גרייט מיט זייערע פעקלעך צו פאהרען קיין ארץ־ישראל ביי דער ערשטער מעגליכקייט — דאס איז א פאקט, וועלכען מיר אלע ווייסען.

עס איז איבעריג דא אנצוווייזען אויף די סיבות, וואס האבען ארויסגערופען אזא ערשיינונג. די גרויסע שרעקליכע אנטוישונג אין די אידישע גלות־גליקען, די בלוטיגע האק, וואס האט זיך אויף מיליאנען אידען אראפגעלאזען אנשטאט דער פארשפראכענער פרייהייט, האט דאס אנטלויפען פון גלות געמאכט פאר דרינגענדער און אין דער נויטווענדיגקייט פון אן אייגענער היים איבערצייגט אלע קלאסען אידען, אפילו יענע, וואס זענען ביז אין דער לעצטער צייט געשטאנען ווייט פון ציוניזם.

עס איז זעלבסטפארשטענדליך, אז דערביי האט אויך א סך צו זאגען די אלטע, טיפע בענקשאפט צו ציון, וואס לעבט אין יעדען אידישען הארץ און דערפאר זעהען מיר דיזעלבע ריהרענדע ערשיינונג — שוין צו געהן קיין ארץ־ישראל — נישט בלויז אין די פאגראם־לענדער, נאר אויך אין די פאראייניגטע שטאאטען און קאנאדע. מיר ווייסען פון א צאהל אידען אין אונזער דאמיניאן, וואס האבען שוין אויפגעגעבען זייערע געשעפטען, פארמערס, וואס האבען פארקויפט זייערע פארמס און ווארטען אויף דער גליקליכער מינוט, ווען זיי וועלען זיך זעצען אויפ׳ן שיף, וואס וועט זיי פיהרען צו די ברעגען פון אונזער פאטערלאנד.

די דאזיגע ריהרענדע ערשיינונג אנטהאלט אבער, ווי געזאגט, אין זיך א געפאהר פאר דער צוקונפט פון ארץ ישראל. דער פאליטישער סטאטוס פון לאנד איז נאך דערווייל נישט באשטימט, די מדינה איז נאך נישט פעהיג אריינצונעהמען אין איהרע גרענעצען א גרויסען, האסטיגען שטראם איטוואנדערער, און אומארגאניזירטע גרויסע אימיגראציע וואלט געווען אן אומגליק פאר פאלעסטינא און פאר די איינגעוואנדערטע אידען. דער ציוניסטישער אקציאנס־קאמיטעט האט עס דארום געהאלטען פאר זיין חוב ארויסצוגעבען וועגען דעם א ווארנונג, וואו עס ווערט געזאגט:

"אין איינקלאנג מיט׳ן באשלוס פון דער לאנדאנער ציוניסטישער קאנפערענץ, איז געגרינדעט געווארען אין לאנדאן א צענטראלע פאלעסטינא־ביורא פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, אונטער דער אויפזיכט פון אקציאנס־קאמיטעט. די פאלעסטינא־ביורא וועט זעהן צו באזייטיגען די עקאנאמישע, אדמיניסטראטיווע און אנדערע שוועריגקייטען, וואס זיינען א שטערונג פאר א מאסען קאלאניזירונג אין ארץ־ישראל און וועט אויך דיענען אלס צענטראלע קערפערשאפט צו רעגולירען און ארגאניזירען די אידישע עמיגראציע קיין פאלעסטינא, האנדלענדיג אין פארבינדונג מיט אנדערע קערפערשאפטען אין ארץ ישראל און אין די גלות לענדער. ס׳וועט געמאכט ווערען יעדע אנשטרענגונג צו דערנעהנטערען די צייט, ווען די מעגליך גרעסטע עמיגראציע קיין ארץ ישראל זאל קענען פארקומען און צו פארזיכערן, אז עס זאל זיין אם בעסטען פאר׳ן לאנד און פאר די איינגעוואנדערטע.

די צייט פאר עמיגראציע איז נאך איצינד נישט געקומען, די עמיגראציע קען זיך נישט אנהויבען כל־זמן עס זיינען נישט אויסגעארבייט געווארען סיסטעמאטישע קאלאניזאציאנס־פלענער, אין עקאנאמישע, פינאנציעלע און אנדערע הינזיכטען — א זאך, וועלכע ווענדעט זיך מעהרסטענטיילס אן דער לייזונג פון די פאליטישע פראבלעמען, וואס ריהרען אן פאלעסטינא. ביז דאן טאר קיין איינציגער עמיגראנט ניט אריינפאהרען אין ארץ ישראל. מיר געפינען פאר נויטיג די דאזיגע התראה צו מאכען און צו ווארנען אלע גרופען און איינצעלנע פערזאנען ניט צו מאכען קיין איבעראיילטע שריט אין דער פראגע פון אימיגראציע, זאל קיינער יעצט ניט ליקווידירען זיינע געשעפטען צו פאהרען קיין פאלעסטינא. אומבארעכענטע, אונארגאניזירטע און פריהצייטיגע עמיגראציע איז א גרויסע געפאהר פאר די עמיגראנטען זעלבסט און פאר דער גאנצער אידישער צוקונפט אין ארץ ישראל. יעדער ציוניסט, יעדער איד דארף פארשטעהן, אז איטליכער איבעראייליגער אימיגראנט שטעלט אין סכנה נישט בלויז זיין אייגענע צוקונפט נאר אויך די צוקונפט פון אנדערע אימיגראנטען.

די ציוניסטישע ארגאניזאציע זוכט מיט אלע כחות, אין דער איצטיגער שרעקליכער צייט פאר אידען אין מזרח אייראפא, צו באפרידיגען די שטרעבונגען פון אלע קלאסען אידען זיך איינצואורדנען אין פאלעסטינא אזוי שנעל ווי מעגליך. די ארגאניזאציע וועט אנווענדען איהר גאנצע מאכט און מיט דער הילף פון איהרע אלע אינסטיטוציעס זעהען צו פארשנעלערען א ברייטע, סיסטעמאטישע עמיגראציע קיין ארץ ישראל, אבער אום דאס זאל פארווירקליכט ווערען מוזען מיר האבען געדולד און האבען צוטרוי צו דער וואכזאמקייט פון דער ארגאניזאציע. אזא זעלבסט דיסציפלין וואס איז אומעטום געוועזען די שטארקסטע שטיצע פאר אונזער באוועגונג איז איצט נויטיגער ווי ווען עס איז פריהער.

יעדער איינער מוז באגרייפען, אז סיסטעמאטישע אימיגראציע און קאלאניזאציע וועט מעגליך מאכען די דערגרייכונג פון אונזער גרויסען, נאציאנאלען אידעאל די ווידער אויפבויאונג פון ארץ ישראל אלס די היים פון אידישען פאלק".

אקציאנס קאמיטעט פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע.

נחום סאקאלאוו
דר. ח. ווייצמאן

דאס זענען קלארע רייד און קיינער פון די, וואס האבען געמאכט הכנות שוין צו פאהרען קיין ארץ ישראל דארף זיך נישט פיהלען אנטמוטיגט דערפון. ווייל קיין איד וויל דאך נישט, אז צוליעב א ביסעל לענגער ווארטען, — ווי שווער דאס ווארטען זאל נישט זיין, — זאל ליידען די זאך, וועלכע איז איהם הייליג און טייער. אדרבא, פון דער ווארנונג פון אקציאנס קאמיטעט דארפען מיר זיך פיהלען אויפגעמונטערט, זעהענדיג אז ציוניסטישע ארגאניזאציע ארבייט ענערגיש צו ערמעגליכען אין דער נאהענטער צוקונפט א סיסטעמאטישע, ארגאניזירטע אידישע עמיגראציע קיין ארץ ישראל.

ווי אזוי וועט דאס לאנד אויפגערייט און פארבערייט ווערען פאר א גרויסער איינוואנדערונג? ווי געזאגט, איז קודם־כל נייטיג, אז דער פאליטישער סטאטוס פון לאנד זאל באשטימט ווערען. דאס וועט באלד געשעהן; דאס לאנד ווערט, אייגענטליך, שוין געבויט און פאר באקויט. אבער דאן וועט עס קענען געטאן ווערען אויף א גרויסען מאסשטאב פון אינוויינינג און פון דרויסען — אין ארץ ישראל גופא און אין די גלות לענדער פאר ארץ ישראל.

דער פאנד, וואס איז ספעציעל באשאפען געווארען פאר דער אויפבויאונג פון פאלעסטינא איז דער גאולה פאנד, אדער ווי ער הייסט אויף ענגליש "רעסטאריישאן פאנד". דער איד, וואס שטיצט דעם דאזיגען פאנד גרייט דערמיט פאקטיש צו א היים אין זיכערקייט, פרידען און פרייהייט פאר איהם און זיינע ליבסטע און טייערע. אלס ביישפיל פון די ארבייטען, וואס דער גאולה פאנד טהוט שוין איצט, וועלען מיר ברענגען איינינע ציפערן; דעם בודזשעט פאר 1919, וועלכער איז בלויז פון לאקאלען כאראקטער אבער וועלכער קען מיט זיך געבען כאטש א קליינעם באגריף פון דער גרויסער אויפגאבע פון גאולה־פאנד אין אלגעמיין, לאמיר זיך באקענען מיט די לאקאלע אויסגאבען.

ציוניסטישע אדמיניסטראציאנס קאמיסיע:

א. אדמיניסטראטיווע אפיסעס אין ירושלים, יפו און אין גליל.
ב. פאלעסטינא־ציון אפיס.
ג. קאמיסיע אונטערצוזוכען די אימיגראציאנס און עקאנאמישע מעגליכקייטען.
ד. שטיצע פאר די ועדים פון די שטעדט און קאלאניעס.
ה. עפענטליכער אינפארמאציאנס דעפארטמענט.
ו. טעכנישע דעפארטמענטען: אגריקולטור, אינזשענעריע און אינדוסטריע עקספערטען.
ח. לאנד רעגיסטרירונג.

צוזאמען $550,000

פאלקס געזונטהייט דעפארטמענט:

א. מעדיקאל יוניט: 45 נוירסעס און דאקטוירים.
ב. שפיטאל, 100 בעטען.
ג. סאניטאריומס.
ד. געזונטהייטס אינספעקטארען.
ה. אמבולאנסען שפיטאלען.
ו. קליניקען
ז. בקור חולים׳ס (דיספענסעריס)

צוזאמען $420,000

בילדונגס דעפארטמענט:
(ועד החנוך)

א. שולען: 73 שולען, 313 לעהרער, 8,5000 שילער.
ב. טעקסט ביכער.

צוזאמען $469,000

קאנסטרוקציע און רעקאנסטרוקציע:

א. דורך דער אידישער קאלאניאל טראסט און אנגלא פאלעסטינא קאמפאניע $1,000,000
ב. רעמאנטירונג פון אינסטיטוציעס $100,000

אידישער לעגיאן:

פאר די לעגיאנערען און אפהענגיגע פון זיי $75,000

רעליעף:

עגיפטען, פאלעסטינא און ספעציעלע אינסטיטוציעס $25,000

ווי געזאגט איז דער דאזיגער באדזשעט פאר איין יאהר, פאר 1919, פון לאקאלען כאראקטער. דער גאולה פאנד אין אלגעמיין האט פאר זיך א פיעל גרעסערע און ברייטערע אויפגאבע, פון אמת קאלאסאלען כאראקטער, און די אויפגאבע קען ארויסגעזאגט ווערען אין עטליכע ווערטער:

דער גאולה פאנד איז אויפצובויען און פארצובערייטען דאס אידישע לאנד פאר׳ן אידישען פאלק.

קומט צו
לעווינטער׳ן
קויפען בארגיינס
אין
פורניטשור

לעווינטער גיט ארויס מערידזש לייסענס.

לעווינטער מאכט פערשידענע אפידייווים.

פערגעסט ניט אז לעווינטער איז דער עלטסטער פארנישינג דיעלער אין טאראנטא וואו איהר קריגט פארניטשור מיט סטאוום און אנדערע ארטיקלען זעהר ביליג.

פערגעסט ניט אן אייער פריינד
לעווינטער
360 קווין וועסט
טעלעפאן אדעלייד 1806.

נאטיס צו האמילטא־
נער אידען
יונה ל. שעכטער

האט געמופט אין 65 איסט עוו. נארטה, טעלעפאן רידזשענט 5416.

דארטען געפינט זיך דער צייטווייליגער אפיס פון די ציטונגען, ביכער, און אויך דער סטאק פון טליתים סידורים, מערידזש לייסענס, סוטיזען פייפערס, ארדערס פיר ציטונגען ווערען פינקטליך אטענדעט ווי בעפאר אויך טיקעטס צום אידישען טעאטער ווען עס שפיעלט אין האמילטאן.

James L. SHEKTER
Justice of the Peace
Issuer of Marriage Licenes

KASH'S
דזשועלערי סטאר
145½ קווין וו. טעל. ער. 3588
ספעשעל סייל
14 קערעט טשיינס 90 סענט

CASH OR CREDIT

דיימאנדס לאוויליערס און אויערינגלעך, מיט ספעשיעל ביליגע פרייזען אויך לייכטער גראמאפאנס מיט רעקארדס. קומט און איבערציינגט אייך.

קויפט די שעהנסטע אידישע און ענגלישע רעקארדס פאר אייער פאנאגראף
אין חזן קאפלאנס
שיפס קאנטאר

וואו איהר קענט אויך בעקומען אינשורינג פאר
פייער לייף אטאמאביל און בארגלערי
פון די בעסטע קאמפאניעס.

אפיס 297 קווין סטריט. טעלעפאן ארעלייד 239, וואהנונג 73 בראנזוויק, טעלעפאן קאלעדזש 4149.

חזן קאפלאן נעהמט אן מוהלשאפט און סידור קדושין ווי איכער מיט די בעסטע צופרידענהייט. פערגעסט ניט אייער פריינד חזן קאפלאן.

פאטראניזירט די איינציגע אידישע ווינדא קלינינג קאמפאניע ———

NEW YORK WINDOW CLEANING CO.
NY WINDOW CLEANING CO.

מיר אטענדען צו אלערהאנד הויז, פעקטארי, אפיסעס און סטאר קלינינג. בעסטע ארבייט צו די ביליגסטע פרייזען. מיר מאכען קאנטראקטען מאנאטליך און יעהרליך. 10 טעראלי סטריט. טעלעפאן עדלייד 3087

אווענדען און יום־טובים טעלעפאנירט קאל. 5619

NEW YORK WINDOW CLEANING COMPANY, 10 TERAULEY ST

די שענסטע אידישע
אינסטיטוציע
אין טאראנטא
איז אהן צווייפעל די נייע געביידע פון׳ם
אידישען זשורנאל
וואו עס געפינט זיך דער סייווינג דעפארטמענט פון
ה. ווינבערג
BANKER

שפארען איז דער ערשטער טריט צו ערפאלג צו מאכען ערפאלג אין לעבען, זעהט אז אייער קינד זאל אנהויבען שפארען בייציטענס געוואוינט עס צו שפארען, און פארזיכערט זיין ערפאלג אין לעבען

JOURNAL
BLOCK
אידישער זשורנאל
HARRY WINBERG BANKER
253
OFFICE HEBREW JOURNAL
OFFICE HEBREW JOURNAL

און נים נאר דארפט איהר זיי לערנען שפארען נאר לערנען זיך אליין שפארען

פראצענט ווערט געצאהלט אלע זעקס מאנאטען אויף א דאלאר און מעהר

קומט אריין אין מר. ווינבערגס סייווינג דעפארטמענט און נעהמט א סייווינג באנק, א זאך וועלכעס וועט אייך נוצען ברייננען

קלייבט ביי אייך אין הויז און דעפאנירט אין אידישען סייווינג דעפארטמענט

איהר דארפט קיין צייט פון אייער ארבייט ניט פארשווענדען, איהר קענט אריינקומען נאך דער ארבייט, ווייל דער אפיס איז אפען

פון 9 אין דער פרי ביז 7 אין אווענט

הויפט אפיס 251־53 קווין סטריט וועסט ארום מיקאל סטריט

טעלעפאנירט אדעלייד 3911
פאר א טעקסי קעב.
סטיישאן אויטאמאביל און טעקסי קעב

זענען די איינציגע אידישע פירמא וואס האבען 7 פאסאזשיר קארס צו פארדינגען. מיר גיבען ספעשעל פרייזען פאר חתונות און אלע אנדערע צוועקען. ווען איהר רינגט אב אדעל. 3911 שיקען מיר אין 5 מינוטען אונזער פארטרעטער מיט א טעקסי.

פעדלערס און סטארקיפערס
איהר האט א געלעגענהייט צו מאכען געלט.

אויב איהר ווילט מאכען געלט, דאן קומט צו אונז, און מיר וועלען אייך ערקלעהרען ווי אזוי. איך האב אליין געמאכט געלט און דעם. און איהר קענט עס אויך. איהר קריגט ביי מיר צו יעדער צייט די גרעסטע בארגיינס אין דרעס־גודס, ריינקאוטס, דזשענטעס סוטינג, א. ד. ג.

ל. פינק
185 מיקאל סטריט (אפסטערז)
טעלעפאן קאל. 6448

עס איז ניטא קיין בעסערע אנדענקונג ווי אייער בילד. צו שיקען א בילד צו אייער פריינד. דער איינציגער אין דיזען פאך איז די
עמפייער סטודיא
294 קווין סט. וועסט
ב. גאלדבערג פראפ.
עקסטרא אטענשאן פאר חתן כלה.

ווענען ראיעלסטע און בעסטע אויס קניפטען פאר אינשורענס ווענדעט זיך צו
פ. ליוואי
ספעשעל לייף אינשורענס אגענט
P. LEVI
Insurance Agent
214 Beverly St. Tel. Coll. 8101

בלויז חזן זולאדאווסקי

איז אנשטענדיג ריין און פאזיכטיג
אלס מוהל
אלע עלטערען פון קינדער זאלען דאס נעהמען אין אכט, ווייל דאס איז אין זייער איינענעם בענעפיט. קאנטרי־לייט קענען מיר אויך רופען אויף זייערע שמחה׳ת.

וואהנונג 62 בראנזוויק עוועניו און טעלעפאן קאלעדזש 1076.

ווען איהר קויפט אן ארטיקעל דערמאנט דעם "אידישען זשורנאל".

THE DAILY HEBREW JOURNAL
H. Winberg, Pres. & Gen. Mgr.
The Only Daily Jewish Newspaper in the Province of Ontario
• PUBLISHED BY •
— CANADIAN JEWISH PUBLISHING CO., LTD. —
251 - 253 Queen Street West — Telephone Adelaide 3257
Subscription Rates — $5.00 Per Year
Single Copy — 2 Cents
Entered as Second Class Mail Matter at C.P.O. Toronto Ontario January 22nd. 1913

פון אן אילוזיע צו א ווירקליכקייט

און זאלסט זיך פרעהען פאר יהוה דיין גאט, דו, דיין זוהן און טאכטער, דיין קנעכט און דיין דינסט, און דער לוי, וועלכער וואוינט אין דיינע טויערען, דער גר, דער יתום און די אלמנה, וועלכע געפינען זיך צווישען דיר.

(דברים ט״ז.)

א הארציגע פרייד האט געהערשט ארום דעם יום טוב שבועות, א פרייד, וועלכע האט אלעמען ארומגענומען, וועלכע האט קיינעם ניט אויסגעלאזען, ווייל אלע האבען זיך באטייליגט אין דעם יום טוב פון חג הבכורים, פאר אלעמען איז אנגעגרייט געווארען די שפע פון פעלד און וויינגארטען.

אין דער נאטור יום טוב, איז אין פארלויף פון די לאנגע גלות-יאהרען געווארען ביי אונז נאר א יום טוב פון זכרונות, און פון גאנץ שוואכע זכרונות נאך דערצו, ווייל וואס פאר א ראליע שפיעלט דען יעצט דאס ריח פון פעלד און אונזער לעבען.

ענגע שטעדט אדער געטאס, פארשטיקטע לופט און ווינט-פרנסות, וואס פאר א שייכות האבען זיי מיט'ן ריח פון פעלד און וויינגארטען, און דאך איז דער יום טוב פון פעלד דורך דורות און דורות אפגעהיט געווארען, אבוואהל ער האט אזוי ניט געשטימט מיט דער ווירקליכקייט.

דאס פאלק האט פון זיין הארץ ניט געקענט ארויסרייסען די אמאליגע פרייד, פון וועלכער דער פרעמדער, דער יתום און די אלמנה, איז אויך ניט אויסגעשלאסען געוועזען, און האט געפעהלט די ווירקליכקייט, האט דאס פאלק די אילוזיאן געשאפען, געזוכט קינסטליך צו באהעפטען דאס אידישע הויז צוריק מיט דעם ריח פון פעלד.

עס איז אבער געוועזען נאר אן אילוזיע, אן אילוזיע פאר צוויי טעג, און אפטמאהל דאס אויך ניט.

און ענדליך שטעהן מיר ווידער איפ'ן שוועל פון דער גאולה, אויף דער שוועל, פון וואנען עס איז נאר איין שריט צו אונזער פאלשטענדיגער באפרייאונג.

די פעלדער פון גליל און די וויינגערטנער פון יהודה האלטען ביי אויסגעלעזט ווערען פון זייער לאנגען גלות, און ביי צוריקגעקעהרט ווערען צו די פארטריבענע און פארשטויסענע זיהן. דער ארץ ישראל איז ווערט ווידער די לופט וואס דאס אידישע פאלק וועט איינאטעמען, און דורך וועלכען דאס אידישע פאלק וועט אויסגעלעזט ווערען.

און אויסגעלעזט ווערען וועט אויך דאמאלס דער אידישער שבועות יום טוב. ווען אנשטאט אן אילוזיע, וועט עס ווערען דער חג הבכורים פון דער ווירקליכקייט.

ווער איז שולדיג אין דעם דורכפאל?

דער אלגעמיינער סטרייק, וועלכער איז דא ערקלעהרט געווארען לעצטען פרייטאג, איז א דורכפאל — דאס איז שוין יעצט אויסער יעדען צווייפעל.

ווער איז שולדיג אין דעם, וואס די סטרייק-באוועגונג איז נאך געוועזען ביי אונז אין שטאדט טויט, איידער זי איז געבוירען געווארען.

די ברייטע ארבייטער מאסע ווייסט, אז די פאדערונג פון א 44-שעה'יגע ארבייט-וואך איז ניט די פאדערונג פון די מעטאל-יוניאנס אליין, ווייל דאס זעלבע פאדערען זיי אויך, אדער קלייבען זיך עס צו פאדערען. די גרויסע ארגאניזירטע ארבייטערשאפט פארשטעהט זיכער, אז די פאדערונג, אז די יוניאנס זאלען אנערקענט ווערען אלס די געזעצליכע פארטרעטער פון די ארבייטער, און מען זאל מיט זיי אונטערהאנדלען, איז אויך זייער פאדערונג, איז אויך אין זייערע אינטערעסען. און דאך האבען די גרעסערע יוניאנס געשטימט געגען דעם גענעראל סטרייק, און די וועלכע האבען דעם מוט ניט געהאט צו שטימען געגען, דרעהען זיך ארויס מיט די פארשיעדענסטע תירוצים.

די ברייטע ארבייטער מאסע איז זיכער ניט שולדיג.

דער ווינקעל איז אבער פארהאן, פון וואנען די שולד נעהמט זיך. שולדיג אין דעם דורכפאל זענען יענע קאנסערוואטיווע פאליטישענס, וועלכע זענען צום אומגליק אויך ארבייטער פיהרער.

אין טאראנטא איז פארהאן א גאנצער צעטעל פון פראמינענטע ארבייטער פיהרער, וועלכע זענען צו דער זעלבער צייט אויך גאנץ פראמינענטע מיטגליעדער אין דער קאנסערוואטיווער פארטיי. פאר זיי לוינט זיך ניט דער סטרייק, ווייל עס וואלט זיי געבראכט דערצו, אז זיי זאלען אויפהערען צו טאנצען אויף צוויי חתונות, אז זיי זאלען זיך מוזען שיידען אדער מיט דער קאנסערוואטיווער פארטיי, אדער מיט דער ארבייטער באוועגונג. און זיי האבען דארום געלאזען די גאנצע רעאקציאנערע מאשין אין פולען גאנג צו טויטען דעם סטרייק, און אזוי זיך אליין צו ראטעווען.

און עס איז זיי געלונגען.

אן אונפארטייאישע קאמיסיע

[illegible] יאן פאדערעווסקי, דער פוילישער פרעמיער, איז ענדליך [illegible] געווארען. אז מען זאגט, אז אין זיין לאנד קוילעט מען אידען און אלס א פרייער פייל, וויל ער דארום, אז פרעזידענט ווילסאן זאל העלפען רייטוואשען זיין באליעבט לאנד דורך דעם, וואס אמעריקא וועט שיקען אהין א קאמיסיע אונטערצוזוכען די באשולדיגונגען, אז די פוילישע [illegible] זענען נאר פאגראמשטשיקעס.

אזא קאמיסיע, אויב זי זאל נאר זיין אן אמת אומפארטייאישע, און מיר ווילען האפען, אז זי וועט אזעלכע זיין, וועט זי ער ארויסשטעלען פוילען אין יענער ליכט, וועלכע זי פארדיענט.

די פוילישע מעשים זענען צו שרייענד, אז אן אומפארטייאישע קאמיסיע זאל זיי קענען פארזעהן.

אן אומפארטייאישע קאמיסיע — דאס איז דער ערשטער שריט פאר דער צוזאמענפאלונג פון דער אלטער פוילען — דאס איז דער אנפאנג פאר א נייער פוילען, וואו זיים ביי זיים וועלען קענען לעבען צוויי פעלקער אין רוה און אין פריעדען.

וואס איינגעוואנדערטע אידען האבען געטוהן פאר ענגלאנד

אידישע באארד אף דעפיוטים אין לאנדאן האלט אפ א ספעציעלע זיצונג וועגען די גזירות געגען איינגעוואנדערטע אידען אין ענגלאנד.

ספעציעלע קארעספאנדענץ צום „זשורנאל" פון מ. הימעלפארב.

דער גורל פון די איינגעוואנדערטע אידען וועלכע געפינען זיך יעצט אין ענגלאנד און פון די וועלכע קלייבען זיך אין דער צוקונפט צו מאכען ענגלאנד פאר זייער היים, ליגט איצט אין די הענד פון א רעגירונגס קאמיטע, וועלכע דארף אויסארבייטען געוויסע פראיעקטען און צושטעלען זיי פארן פארלאמענט צום בעשטעטיגען. די רעגירונג זוכט מיט דער הילף פון פארלאמענט דורכצופיהרען א געזעץ אז אלע בעגרענצונגען געגען פרעמדע וועלכע זיינען איינגעפיהרט געווארען דורך דער צייט פון מלחמה זאלען אויך בלייבען גילטיג אויף שפעטער. דאס וואלט געווען א גרויס אונגליק פאר דער איינגעוואנדערטער אידישער באפעלקערונג וועלכע וואלט דורך דעם אפגעשניטען געווארען פון א סך קוועלען פרנסה און וואלטען געווען בעגרענעצט אין פרייען פערקעהר איבער גאנץ ענגלאנד, דאס וואלט אויך איבערגעלאזען די איינגעוואנדערטע אויף'ן חסד פון אינערען מיניסטער וועלכער וואלט געקאנט ארויסשיקען אן איינגעוואנדערטען אפילו אהן אן אורטייל פון געריכט.

די אידישע באורד אף דעפיוטים האט פארופען וועגען דער פראגע א ספעציעלען מיטינג, און די וויכטיגסטע רעדע האט ביי דיעזען מיטינג געהאלטען מר. הענריקוס, א בעריהמטער אידישער לאיער, וועלכער איז אויך וויים פרעזידענט פון דער באורד אף דעפיוטים. ער האט ערקלעהרט דאס הגם דיעזער געזעץ איז ניט געציעלט דירעקט געגען אידען, נאר געגען איינגעוואנדערטע בכלל, קאננען מיר אבער ניט פערמאכען די אויגען אויף דעם פאקט דאס א גרויסער טהייל פון די איינגעוואנדערטע אין ענגלאנד זיינען אידען און א גרויסער טייל אידען אין ענגלאנד זיינען איינגעוואנדערטע. דיעזער געזעץ איז דעריבער מעהר נוגע אידען ווי עמיצען אנדערש.

דער אידישער שטאנדפונקט וועגען דיעזער פראגע איז גאנץ קלאהר. די אידישע תורה לעגט גרויס געוויכט אויף דעם פונקט דאס דער גר זאל האבען די זעלבע רעכטע ווי דער געבוירענער אין לאנד, און אידען האבען דעריבער א רעכט צו זאגען זייער ווארט וועגען דעם איצטיגען געזעץ.

געזעצען וועלכע זיינען גאנץ בערעכטיגט אין צייט פון מלחמה זיינען ניט אימער בערעכטיגט אין דער צייט פון פריעדען. אויב עס וואלט דעריבער געווען מעגליך צו פראטעסטירען געגען דעם גאנצען געזעץ פראיעקט געגען די איינגעוואנדערטע, וואלט ער געראטען אזוי צו טהאן. אבער עס שיינט אז דער בעסערער וועג איצט איז ניט צו פראטעסטירען געגען דעם געזעץ, נאר זוכען איהם אויסצובעסערען אזוי אז די איינגעוואנדערטע וועלכע ווערען בעריהרט פון דיעזען געזעץ זאלען האבען די מעגליכקייט צו זוכען גערעכטיגקייט דורך'ן געריכט.

זיי וועלען דעריבער פאדערען אז קיין איינגעוואנדערטער זאל ניט קאנען ארויסגעשיקט ווערען פון לאנד איידער זיין פראצעס וועט געהערט ווערען אין א געריכט. דער המון פון ענגלאנד האט איצט גרויסע פאראורטיילע און דיעזע פאראורטיילע קעגען פרעמדע איז א גרויסע רעה פאר ענגלאנד וועלכע האט מעהר פון אנדערע פראפיטירט פון איינגעוואנדערטע, הויפטזעכליך פון אידען.

די אידישע אימיגראנטען אין ענגלאנד זיינען פון א העכערען קלאס, וועלכע זיינען אהער געקומען צוליעב דעם וואס זיי זיינען געווען פערפאלגט אדער האבען ניט געקאנט מאכען קיין לעבען אין די לענדער פון וואנען זיי זיינען געקומען. זיי זיינען געקומען אהער מיט א סך ענערגיע און ווען זייער ענערגיע איז ריכטיג פארווענדעט געווארען, האט עס געבראכט גרויסע נוצען פאר ענגלאנד.

די אידען האבען געטהאן פאר ענגלאנד ניט ווענינער ווי די אלטע האלענדער און הוגענאטען. די שפאנישע אידען האבען פיעל געהאלפען צו דער ענטוויקלונג פון די ענגלישע קאלאניען אין מערב אינדיען, וועלכע זיינען איצט דער שעהנסטער בריליאנט אין דער קרוין פון ענגלאנד, און זיד אפריקא האט אויך ענגלאנד פיעל צו פארדאנקען די אידישע פיאנערען. אין ענגלאנד גופא זיינען פיעלע טריידס איינגעפיהרט געווארען פון איינגעוואנדערטע אידען, און די ארבייט פון שניידעריי, מעבעל ארבייט, זיינען כמעט אין גאנצען אין די הענד פון אידישע איינגעוואנדערטע.

די שונאים פון איינוואנדערונג זאגען: ענגלאנד האלט ביים געבען אייך א היים אין פאלעסטינא, און איהר דארפט ניט מעהר פאהרען אהער". דאס איז זעהר א פאלשער און זעהר א געפעהרליכער ארגומענט, אויב אידען וועלען בעקומען פאלעסטינא פאר זיך וועלען זיי מוזען זיין זעהר פארזיכטיג מיט די ערשטע אימיגראנטען. עס וועט דארט זיין מעהר פלאץ פאר ערד ארבייטער ווי פאר בעלי מלאכות און פאבריק ארבייטער, און עס וועט זיין א גרויסער פארלוסט פאר ענגלאנד אויב זי וועט פארשליסען די טהירען פאר דיעזען עלעמענט אימיגראנטען.

עס זיינען דערצעהלט געווארען פאקטען וועלכע האבען בעוויזען ווי געפעהרליך עס איז איבערצולאזען די עמיגראנטען צו דעם יושר פון אינערען מיניסטער, וואס מיינט איינגענטליך אין די הענד פון דער פאליציי.

עס איז דערוויזען געווארען דאס אין געוויסע פעלע האט די פאליציי אליין פאבריצירט בעווייזע געגען אידישע עמיגראנטען אדער ניט איבערגעגעבען ריכטיג די רעפארטס וועלכע זי האט געדארפט זאמלען, און נאר דורך דער צייטליכער אריינמישונג פון אידישע כלל טהוער האט זיך איינגעגעבען אפצוהאלטען פיעלע אידישע אימיגראנטען פון ארויסגעשיקט ווערען פון ענגלאנד.

עס איז בעשלאסען געווארען דאס די באארד אף דעפיוטים זאל זיך ווענדען צו דער רעגירונגס קאמיסיע וועלכע בעהאנדעלט דיעזע פראגע און פאדערען אז איהר זאל ערלויבט ווערען פארצובריינגען פאר דער קאמיסיע דעם שטאנדפונקט פון די אידישע פארשטעהער וועגען דיעזער אנגעלעגענהייט און אויפפאדערען דעם אידישען דעפוטאט סער פיליפ מאגנוס, דאס ווען דער געזעץ פראיעקט וועט פארהאנדעלט ווערען אין ענגלישען פארלאמענט זאל ער פערטהיידיגען די אמענדמענטס צום געזעץ, וועלכע זאלען פערזיכערען די איינגעוואנדערטע אז זיי זאלען ניט קאנען ארויסגעשיקט ווערען פון לאנד אהן אן אורטייל פון געריכט.

יאפאנס שטעלונג אין בעצוג כינא

אין א רעדע וואס דער יאפאנעזער שטאאטסמאן שימפעי נאטא האט געהאלטען מיט א קורצע צייט צוריק פאר דער „דזשעפען סאסייעטי" אין ניו יארק האט ער קלאר געמאכט יאפאן'ס שטאנדפונקט אין בעצוג צו איהרע קליימס אין וויטען מזרח. מיר גיבען דא איבער דעם הויפט-טייל פון זיין רעדע.

די שאנטונג פראגע, האט ער געזאגט, דארף ניט בעטראכט ווערען אין דעמזעלבען ליכט ווי די פיומע פראגע. יאפאן האט קיינמאל ניט פערלאנגט די שטענדיגע בעזעצונג פון דער געוועזענער דייטשער טעריטאריע אין קיאא טשאו. פארקעהרט זי האט ווידערהאלט מעהרערע מאהל אז זי וועט זי צוריקגעבען צו כינא נאכדעם ווי די שלום קאנפערענץ וועט זי איבערגעבען צו איהר (יאפאן), אויך אין דעם אפמאך וואס יאפאן האט געשלאסען מיט כינא אין מאי 1915, האט זי זיך פייערליך פערפליכטעט איבערצוגעבען די דייטשע טעריטאריע צו דער כינעזישער רעגירונג.

די אזוי גערופענע געהיימע טריטיס, וועלכע זיינען געשלאסען געווארען אין יאהר 1917 צווישען כינא און יאפאן, זיינען געווען ניט מעהר ווי א שריט צו דער ערפילונג פון דעם פערשפרעכען וואס יאפאן האט געגעבען צו כינא אין דעם אבמאך פון 1915. נאך דער מיינונג פון דער יאפאנעזישער רעגירונג איז עס געווען פאר יאפאן זעהר נויטיג צו עטאבלירען צו ערשט איהר פולען רעכט צו דער דייטשער טעריטאריע איידער זי וועט זי אבגעבען צוריק צו כינא. און איצט אז די שלום קאנפערענץ האט נאכגעגעבען יאפאנ'ס פארלאנג, איז ביי מיר ניטא קיין צווייפעל וועגען דעם אז די רעגירונג אין טאקיא וועט גלייך נעהמען שריטע אויף צוריקצוקעהרען קיאא-טשאא צו כינא. און ניט נאר דאס אליין: זי וועט נאך טרייען אריינצוטרעטען אין א פריינדליכע קאאפעראציאן מיט כינא אום צו העלפען איהר ענטוויקלען די שאנטונג פראווינץ.

פראגען זיינען אויפגעהויבען געווארען וועגען דעם טאג וואס יאפאן וועט צוריק געבען שאנטונג צו כינא. דער ענטפער אויף דיעזער פראגע הענגט אב פון דעם ווען יאפאן וועט קענען מאכען די נויטיגע אראנדזשמענטס מיט דייטשלאנד וועגען דער איבערגעבונג פון איהרע רעכטע צו כינא.

ביי דעם איצטיגען כאאטישען צושטאנד אין דייטשלאנד איז עס אומעגליך צו זאגען צו אזעלכע אראנדזשמענטס וועלען קענען געמאכט ווערען אהן אבלייגונג. אויסער דעם, די דייטשע רעכטע אין שאנטונג זיינען זעהר קאמפליצירט, אז עס איז שווער צו אונטערשיידען צווישען די רעכטע פון דער דייטשער רעגירונג און די רעכטע פון דייטשע אינטערעסנען. די בעשטימונג פון אזעלכע רעכטע פאדערט א גענויע אונטערזוכונג, וואס וועט געדויערען פיעלייכט א היבשע צייט. אויב דייטשלאנד וועט אונטערשרייבען די שלום-טהנאים, וועט יאפאן גלייך אריינגעהן אין אונטערהאנדלונגען מיט דער דייטשער רעגירונג פון איין זייט, און דער כינעזישע רעגירונג פון דער צווייטער זייט, אזוי אז די צוזיכקעהרונג פון קיאא-טשאו צו כינא זאל קענען געמאכט ווערען אהן אבלעגונג.

יאפאן האט פאר נויטיג, אז זי זאל בעקומען ערשט דיעזע רעכטע פון דייטשלאנד אנשטאט צו ערלויבען כינא צו נעהמען זיי דירעקט פון יענעם לאנד, ערשטענס, ווייל יאפאן האט געבראכט בעדייטענדע קרבנות אום צו קריגען זיי אין דער צייט וואס כינא, וועלכע איז צוריסען צוליעב אינערליכע קריגערייען איז ניט געווען אין שטאנד צוזושטערען דעם דייטשען קאנטראל אין שאנטונג. ווען אלזא כינא וואלט געוואלט איבערנעהמען דיעזע רעכטע דירעקט פון דייטשלאנד, וואלט עס געמיינט אז זי זאל זאגאר ניט שעצען די קרבנות וואס יאפאן האט געבראכט. צווייטענס, אויב יאפאן זאל ערלויבט ווערען צו אונטערהאנדלען מיט דייטשלאנד דירעקט פאר די איבערגעבונג פון דיעזען רעכטע, וואלטען די דייטשען אפגענארט כינא.

ווייטער דארף מען בעטראכטען נאך אן אנדער פאקטאר. יאפאן האט בעשלאסען אז די איבערגעבונג פון שאנטונג צו כינא, זאל דורך געהן דורך די הענד פון יאפאנעזער-אייך צוליעב דעם. ווייל זי האט מורא געהאט אז כינא וועט ניט זיין אין שטאנד צו האלטען דיעזע פראווינץ און אז זי וועט איבערגעהן אין דעם קאנטראל פון א דריטער מאכט צום שאדען פון כינא און פון יאפאן. מיר קענען ניט פארגעסען וואס עס האט פאסירט מיט זיד מאנדזשוריען. נאך דעם ווי דיעזע פראווינץ איז איבערגעגעבען געווארען פון אונז צו כינא אין יאהר 1895. איידער עס איז נאך אפגעטריקנט געווארען די טינט פון דער מריטה, לויט וועלכער דיעזע פראווינץ איז איבערגעגעבען געוואלען צו כינא, איז זי אזוי גוט ווי איבערגעגאנגען אין דעם רשות פון רוסלאנד. געוויהנליך, כינא'ס אויסלענדישע פאליטיק האט זיך זינט דאן א סך געענדערט, און די מעגליכקייט פון איהר צוגליעדערונג איז פיעל קלענער געווארען. — אבער דאך קען מען ניט אפלייקענען אז אפילו איצט איז נאך איהר אויסלענדישע פאליטיק און איהרע אינערליכע בעדינגונגען אזעלכע אז איהרע שכנים, און הויפטזעכליך יאפאן, האבען אורזאכען מורא צו האבען. כינא איז צוטהיילט אין פארשידענע פארטייען, יעדע פון וועלכע איז גערן צו בעקומען אויסלענדישע הילף פאר דעם צוועק צו בעפעסטיגען זיך געגען איהרע געגנער. טא ווער קאן עס אלזא גאראנטירען אז קיינע פון די פארטייען וועט אין איהר וואונש ארויס־צוגעהן די געגענדען ניט פארמארגענדיש צו ווערען עס איז די רעכטע וואס יאפאן וועט איבערגעבען זי דער רעגירונג פון פעקינג? ווער קאן ערב זיין, אז דאס וואס האט פאסירט אין דער פארגאנגענהייט קען זיך ניט ווידערהאלען אין דער צוקונפט, סיידען עס וועלען גענומען ווערען מאסרעגלען צו פארהיטען געגען אזא פאל ווי די איבערגעבונג פון מאנדזשוריען צו רוסלאנד? איך גלויב אז יאפאן וועט געלינגען צו קומען צו אזא פארשטענדיגונג מיט כינא, וועלכע וועט פארהינדערן אז אזא אונאנגענעהמע פארפירונג זאל ניט פארקומען נאך א מאהל.

אין די נעקסטע עטליכע יאהר וועט די יאפאנישע רעגירונג און די יאפאנישע נאציאן האבען א גאלדענע געלעגענהייט צו ציינען מיט טהאטען זייער וואונש צו זיין כינא'ס פריינד און גוטווינשער. איך וואלט זיין זעהר דיסאפאינטעד אויב אונזער רעגירונג זאל ניט אויסנוצען די געלעגענהייט און ניט האנדלען מיט כינא אויף א גערעכטען, גרויסמוטהיגען און פריינדליכען אופן.

כינא'ס גרעסטע בעדערפנים אין דער איצטיגער צייט איז בילדונג, איז דערנער ארבייט האט אמעריקא געצייגט דעם ביישפיעל וועלכער דארף אויך נאכגעמאכט ווערען פון אנדערע. אמעריקא האט מוחל געווען כינא דעם שאדענערזאץ וואס זי האט איהר געדארפט בעצאהלען אלס רעזולטאט פון דעם באקסער אויפשטאנד און האט איבערגעלאזען דיעזע היבשע סומע געלד אין די הענד פון דער כינעזישער רעגירונג כדי זי זאל עס ספענדען אויף בילדונג פון דער יוגענד. און דאס זעלבע דארף טאן אויך יאפאן. יאפאן האט שוין איין מאהל געהאט שטארק אין זינען אבצוגעבען צוריק דעם באקסער-שאדענערזאץ, נאר זי האט זיך צוריקגעהאלטען אוים מורא אז דאס געלד זאל ניט פערברויכט ווערען פון דער כינעזישער רעגירונג אויף צו פיהרען קריעג געגען די סאוטה: איך האף אבער אז די צייט וועט באלד קומען און יאפאן וועט עס געפינען פאר מעגליך צו טאן דאס זעלבע וואס אמעריקא האט געטאן.

נאך אן אונטערנעהמונג דורך וועלכע יאפאן דארף צייגען איהר פריינדשאפט צו כינא, איז די אבשאפונג פון עקסטעריטאריעלע רעכטע. (ד. ה. די רעכטע וואס אויסלענדער האבען אין כינא גע'משפט צו ווערען לויט זייערע אייגענע געזעצע). מיר אליין האבען געליטען א היבשע צייט פון דעם, און מיר וויסען ווי צו סימפאטיזירען מיט אונזער שכן וועלכער ליידעט נאך איצט פון דעם. אין דערזעלבער צייט מוזען מיר אבער אנערקענען אז עס איז אונפראקטיש אבצושאפען די עקס-טעריטאריעלע רעכטע זא לאנג כינא היינט נאך ניט קיינע מאדערנע געזעצע און קיינע טיכטיגע געריכט היהער. וואס זאלען פעלמאלטען איבער אזעלכע געזעצע. אין דיעזען פרט וואלט גוט זיין פאר כינא נאכצוטאן דעם ביישפיעל פון יאפאן. יאפאן וואלט עס געהאלטען פאר א פריווילעגיע צו העלפען כינא אין דיעזער אנגעלעגענהייט. מיר ווילען זיין די ערשטע נאציאן וואס וועט אונטערשטיצען כינא'ס וואונש און העלפען אן אינסטיטושאן וואס האט פערלעצט אזוי לאנג איהר שטאלץ.

א יום-טוב אווענט אין דארף

פון ל. ראזענבערג

איינגעגאסען מיט א כישוף
איז דער וועג ביים דארף פארנאכט;
אלץ ארום איז שטיל און רוהיג
און די זון פארגעהט אין פראכט.

קענסט קיין פאסטוך-פייף נישט הערען,
ס'איז היינט יום-טוב אינ'ם דארף,
רוהען אלע פערד און מענשען
און דער פאסטוך מיט די שאף.

ס'ווערט דער הימעל גרויער, טונקלער,
אין קאליער — פעלד און שטעג;
פון די ערווייטעגס, רויטע שטערען,
פינקלען גלאנצען גלייך אין אייג . . .

אלץ ארום איז שווארץ באצויגען
בלויז אויף אין זייט — רויט באשפריצט . . .
ווי אין הימעל וואלט זיך אייגען
פייערדיגע אויסגעקריצט . . .

און באלד הערסט פרומע קולות
אויסגעמישט פון מענשען פיעלע
דאס באגלייטען זיי דעם יום-טוב
מיט די טענער פון א תפלה.

און זיי בעטען אז אויף מארגען
זאל דער גאט זיי געבען כח
צו דער ארבייט אויף די פעלדער, —
גיסטו זיי דיין ברכה אויך . . .

קען אונז דער יום טוב איינגעהן?

געלעבט ווי א דבר אחר און געשטארבען ווי א כלב. — פארוואס האט מען אונז געדאנסטערסעוועט און געאפסטערסעוועט — וואס וויל מען פון אונז — קנישעס און באמבעס.

פון ערא טאמלר, סרמאמא

און אז עס איז ניט באשערט, געהט עס דורך טיר און טויער, און קיין חכמות העלפען ניט דערביי.

אט קומט אזא שעהנער יום טוב, דער ליעבער יום טוב שבועות, ווען מען מעג עסען וואס מען וויל און וואו מען וויל, ווען מען דארף זיך ניט שלעפען אין סוכה און מען דארף ניט קייען מאנישעוויטשעס מצה — אבער אז עס איז ניט באשערט.

האט מען א פארשטערטען יום טוב.

דארף אונז קאליע מאכען דעם אפעטיט צו די מילכיגע שבועות'דיגע קנישעס און די אין פוטער געפרעגעלטע בלינטשעס, דאס וואס ער האט אונז געבאך פארלאזט.

דריי און צוואנציג יאהר, האט ער געבאך מיט אונז אפגעפינסטרעט, און ווען ער פאהרט אוועק, איז אפילו ניט געוועזען חנא, דער גוט-באקאנטער חנא, וועלכער פרעגעלט זיך יעצט אין קוני איילענד ביים ים, ער זאל איהם ארויסבאגלייטען מיט פויקען און קאצען-יאמער.

אפילו דער פאלקס-פאראיין, וועמענס טאטע מיסיאנער זינגער איז געבאך געוועזען, האט ניט געפונען פאר נויטיג צו מאכען איהם כאטש אן אפשיעדס-באנקעט, א בלימעל קווייטן, א זייגעזונט זאגען.

און נאך זאגט מען, אז עס איז דא אזא זאך ווי יושר אויף אונזער זינדיגער וועלט!

נו, קען ביי אזא געמיט-צושטאנד איינגעהן דער אקדמות, קען מען הנאה האבען פון דער רות בועז ליעבעס געשיכטע, ווען מען זעהט, וואס עס איז דער רעזולטאט פון גוטער ארבייט.

אוי, אוי, זיננער, און אומגליק צו זיין א גאליציאנער, און אפילו דיין שעלטען האט אויך גאר ניט אויפגעטון. האסט געבאך דא געלעבט ווי א דבר אחר, ווי אן אמת'ער פיער פיסיגער חזיר, און פטור געווארן זיינען מיר פון דיר ווי פון א כלב, ווי פון א משוגענעם הונט, וועמען קיינער באדויערט, און נאך וועמען קיינער זאגט אפילו קיין קדיש ניט.

געלעבט ווי א חזיר, און געשטארבען ווי א הונט — נו קען דאס הארץ ניט צוריסען ווערען, קען ביי אזא געמיטס-צושטאנד איינגעהן דער ליעבער יום טוב שבועות.

און אז עס איז באשערט, געהט עס פון אלע זייטען.

טאמער האט א ניו יארקער טעאטער גדול געלאזען ביי אונז א גוטען איינדרוק, און מען האט געהאט פארגניגען כאטש איין אווענט, דארפען מיר עס יעצט אויסקרענקען, אבער נאך ווי אזוי קרענקען, מיט בויך-גרימעניש און קאפ-ווערטאג.

וואס זיינען מיר שולדיג, אז א ניו-יארקער קלאוקס אפרייטאר איז דערשטען געווארען צו זיצען אין שאפ, און אנשטאט אנשטענדיגע מכנסים נעהט ער נאר דראמעס און טעאטער-מאכערייקעס.

וואס זיינען מיר שולדיג, אז דעם ניו-יארקער סטאר [illegible]עשעווסקי געפעהלט דוקא די סחורה. מילא ניו יארק, דארטען איז ער א תושב, צאהלט טעקסעס, איז א „ציטיזנער", אבער וואס האט ער צו אונז וואלד-פרעמדע, אידען נאך פון א צווייטער שטאדט און א צווייטער מדינה, וואס האט ער געוואלט פון אונז מיט זיין „אפסטערז" און מיט זיין „דאונסטערז", און וועלכע מאכערייקעס האבען מיר דאך איינגע, ריכטיגע „מייד אין קענעדע" סחורה, דארף ער אונז נאך קומען אפנודיען, און אונז פארשלאגען דעם יום טוב'דיגען אפעטיט.

געהערט א סקאנדאל.

און וואס האבען געוואלט פון אונז די קלאוקמאכער.

מען זיצט און מען ארבייט, זיצט מען, און בסך הכל, וואס האט קלאוקס צו טון מיט מעטאל ארבייט. איהר ווילט מיר זאגען, אז עס איז א גענעראל סטרייק, איז ווארום זשע ריהרען זיך עפעס ניט פון פלאץ די גויאישע יוניאנס. האבען דאך עפעס, די עלעקטריקער, די מאשיניסטען, די קאר-מענשען, אויך א שטיקעל שייכות מיט'ן ברודער ארבייטער.

אוי, עמא פזיזא'ניקעס, וואס שפרינגט איהר אזוי ווי די ווילדע ציעגען, מענשען מיט א געזעצטען שכל גיבען ניט גלייך א כאפ, מען כאפט שוין היינט אפילו קיין קרושה אויך ניט.

ווילט איהר אז ביי אזא צושטאנד, זאלען מיר נאך ערקלעהרען אין מיטען דרינען א יום טוב, און זיך פרעהען אויך מיט איהם.

און וואס וועט דער „טעלעגראם" זאגען ?

וועט דאס ביי איהם ניט הייסען אז דאס פרעהען מיר זיך מיט א נייער סאוועטען רעגירונג, און אז די אידישע קנישעס זיינען נאר פארשטעלטע באמבעס, אוועקציפטער'ן די אלטע ארדנונג.

עס קומט אזא שעהנער יום טוב, מיט גרינס, מיט קנישעס, מיט קעז-קיבלאך און דא מיט אמאהל באסטא... באלשעוויקעס, סאוויעטען. (

נו זאגט אליין, קען אונז דער יום טוב איינגעהן ?

פארם הלואות צו סאָלדאטען

בילליגע אינסטרומענטען פיה און „הארנעס“

די סאָלדאטען סעטעלמענט באארד האט אראנזשירט מיט פאבריקאנטען פון אינסטרומענטען און הארנעס צו געבען סאָלדאטען וועלכע באזעצען זיך אויף פארמען א גרויסען אויסוואהל פון ערשטע קלאס אינסטרומענטען צו פרייזען וועלכע זענען קלענער איידער די וועלכע ווערען געפאדערט פון ציווילע. און אי די פריירי פראווינצען וועט די יונייטעד גרעין גראוערס לימיטעד געבען אזעלכע סאָלדאטען אינסטרומענטען וועגען און אנדערע נויטיגע זאכען צו ספעציעלע פרייזען.

דורך געמיינשאפטליכער קייפונג אין א גרויסער צאהל פאר קעש קענען די סאָלדאטען באקומען צו זעהר קליינע פרייזען פערד און אנדערע פיה.

מען קען באקומען א גוטען סעט הארנעס פאר רום $31.50 אינ'ם ערך פון וויפיעל עס קאסט פאבריצירען.

אלע די דאזיגע קאָנצעסיעס זענען הויך דעם אפער פון דער באארד צו באקומען פאר'ן סאָלדאט גוטע לאנד אין באקוועמע געגענדען. געבען פינאנציעלע הילף דורך געבען זיי הלואות צו עטאבלירען זיך אויפ'ן לאנד.

לאנד און הלואות

מיט איניגע אויסנאהמען, א סאָלדאט וועלכער האט געדיענט מיט א גוטער אויפפיהרונג אין די קענעדער, אימפעריאל אדער אלייאירטע ארמייען אויפ'ן שלאכטפעלד אדער אויסער דאס לאנד וואו ער האט זיך ענליסטעט (אדער אן אלמנה פון וועלכען עס איז אזעלכען) קען באקומען הלואות צו קויפען לאנד, פיה און אויסשטאטונג און בויען געביידען.—

(1) ביז $4.500 צו דעקען די אויסגאבען פון דאס לאנד באצאהלען חובות.

(2) ביז $1000 אויפצושטעלען געביידען, ביידע הלואות דארפען אויסגעצאהלט ווערען אין ראטען, די צאהלונגען זענען אויף איבער 25 יאהר.

(3) ביז $2000 צו קויפען אינסטרומענטען, פיה און אויסשטאטונג. דער סאָלדאט וועט אנפאנגען צאהלען פאר דיעזער הלואה אינ'ם דריטען יאהר און וועט האבען פיער יאהר צו צאהלען.

בלויז פינף פראצענט וועט גערעכענט ווערען פאר די הלואות.

א קעש איינצאהלונג פון איין צוואנציגסטעל פון דער פרייז פון לאנד נויטיגט זיך, חוץ אין ספעציעלע פעהלע.

קוואליפיצירטע באזעצער אויף רעגירונגס לאנד קענען באקומען הלואות ביז א מאקסימום פון $3000 אויף א פלאן ענליך צום איבענדערמאהנטען פאר פארם אויסשטאטונג, פיה, און אויפבויען געביידען, אין פאל פארזיכערונג ווערט געגעבען וועלכע בארעכטיגט די הלואה.

אויב איהר רעכענט אז איהר האט מעהר ווי א געוועהנליכע געלעגענהייט צו זיין א גוטער פארמער, שרייבט צו אייער פראווינציעלען סופערינטענדענט אין 32 עדלייד סטריט איסט, טאראנטא.

די סאָלדאטען סעטלעמענט באארד

(וו. י. בלעק, טשערמאן.)
יוניאן באנק בילדינג, אטאווא.

„א פרוי'ס טרעהרען“

א ראמאן אויס דעם אידישען לעבען אין רוסלאנד און אמעריקא.

(ספעציעל געשריעבען פאר'ן „אידישען זשורנאל“.)

פון ב. באראץ.

(38־טע פארזעצונג)

רחלע האט איניגע מאל געוואלט די זאך דורכריידען מיט סעמיאנען, זי האט אבער ניט געוואוסט ווי אזוי אנצופאנגען. איניגע מאהל האט זי מיט איהם אנגעפאנגען ריידען, אבער אימער האט זי גערעדט וועגען אנדערע זאכען און ניט וועגען קיעוו. זי האט געוואוסט אז קוים וועט זי קיעוו דערמאהנען וועט ער ליידען און דאס האט זי ניט געוואלט, זי וואלט אלעס אין דער וועלט געטון אבי ער זאל ניט ליידען.

סעמיאן ווידער האט גאנץ גוט געוואוסט וועגען וואס רחל'ע וויל מיט איהם ריידען. ער האט אבער מורא געהאט פאר דעם געדאנק אליין. אז טאמער וועט ער נאך דארפען חלילה ריידען אפען מיט רחל'ען וועגען דעם וואס עס האט פאסירט, און ער האט בעסער אזא געשפרעך אויסגעמידען. ער האט איהר געוואלט העלפען זיך ארויסצודרעהען פון דער דאזיגער לאגע אבער אין דער זעלבער צייט האט עס איהם וועה געטון. איהם האט וועה געטון דאס וואס ער מוז זיין א העלפער אין דער דאזיגער שרעקליכער ארבייט. העלפען יאקאב'ן באקומען רחל'ען אום דערמיט פארדעקען רחל'עס שאנדע.

צו אט דער דאזיגער שרעק און ציטערניש איז אבער געקומען א סוף, ווען מיט עטליכע טעג שפעטער האט רחל'ע באגעגענט סעמיאנען אויפ'ן הויף וועלענדיג ארייננעהן אין הויז און זי האט איהם אפגעשטעלט.

איזראעל... איך מיין סעמיאן, האט רחל'ע געזאגט, און האט זיך באלד פארכאפט, איך האב געוואלט מיט אייך עפעס ריידען.

מען האט גאנץ קלאהר געקענט זעהען אז פאר רחל'ען איז דער דאזיגער אינצידענט ניט זעהר קיין גרינגער און אז זי האט זיך צו דעם געמוזט לאנג פארבערייטען.

סעמיאן ווידער האט זיך א צאפעל געטון. עפעס ווי אין הארצען האט זיך איהם אפגעריסען, טראצדעם וואס ער האט געוואוסט אז פריהער אדער שפעטער וועט עס דאך ארויסקומען, פון דעסטוועגען האט ער זיך ניט גערעכנט עס זאל זיין אזוי. עפעס אהן וועלכע עס איז צערעמאניען, און דאס וואס רחל'ע האט איהם גערופען ביים ערשטען נאמען. האט צוגאסט א ספעציעלע זיסקייט אין זיין קערפער, ער האט אין איהר מאן געפיהלט ליעבע און אכטונג צו איהם.

מיט מיר עפעס ריידען? האט סעמיאן ווי פארוואונדערט געפרעגט.

יא! מיט אייך.

וואו ווילט איהר מיט מיר רעדען?

מיר מאכט ניט אויס וואו, קומט אריבער אויף יענער זייט הויף צום וואסער אדער אין שטוב. דער טאטע איז יעצט ניטא.

זאל זיין אזוי. קומט. און טראצדעם וואס זיי האבען געהאט צוויי וועגען אדער אין שטוב אדער ביים וואסער פון דעסטוועגען זיינען ביידע צום וואסער אוועק.

די גאנצע וועג האבען זיי ביידע קיין ווארט ניט אויסגערעדט. זיי זיינען ביידע געגאנגען יעדער פארטיעפט אין זייגע געדאנקען, און טראכטען האבען ביידע געהאט וואס.

זיי זיינען צוגעקומען צו א גרויסען שטיין וועלכער איז געלעגען ביים ברעג וואסער און אהן וועלכע עס איז ווערטער האבען זיי זיך אוועקגעזעצט אויפ'ן שטיין פונקט ווי זיי וואלטען אפגערעדט זיך דא צו זעצען.

די כוואליעס האבען געקלאפט, געקושט און געוואשען דעם גרויסען שטיין וועלכער איז זיי געלעגען אין וועג און האט זיי ניט געלאזען זיך פארשפרייטען ווייטער אריבער די ברעגען.

נאך אלין האבען ביידע געשוויגען, א לענגערע ווילע איז פאריבער, און זעהענדיג ווי שווער עס איז פאר רחל'ען צו ריידען, האט סעמיאן אנגעפאנגען דעם געשפרעך.

דאס לעבען איז פונקט אזוי ווי די דאזיגע כוואליעס אין טייך, אט לויפט א גרויסע כוואליע, און אום כדי צוצוקומען צום ברעג קוקט זי ניט נאר פארשלינגט די קלענערע כוואליע וועלכע איז איהר אין וועג און קומט מיט א גערויש צום ברעג, ניט אכטענדיג וויפיעל קלענערע כוואליעס זי האט געדארפט איינשלינגען און פארניכטען אום איהר ציעל צו דערגרייכען.

דאס איז מעגליך א גרויסער אמת האט רחל'ע פארטראכט געענטפערט קוקענדיג ווייט אהין וואו די כוואליעס האבען אנגענומען א שווארצען קאליר מיט א ווייסער שוים פון אויבען, אבער ניט וועגען דעם האב איך מיט אייך געוואלט ריידען. איך האב מיט אייך געוואלט רעדען וועגען א גאנץ אנדער זאך.

און ווידער האט סעמיאנען א שטארקער קלאפ געטון אין הארצען.

איך האב געוואלט זיך מיט אייך באראטען, האט רחל'ע פארגעזעצט. איך האב געזעהען אז דאס לעצטע מאהל, האט איהר מיר געהאלפען ווען איך האב געבעטען מיין פאטער ער זאל מיך לאזען פאהרען אין קיעוו. ער וויל עס אבער ניט, און ווען ער וועט עס שוין יא ערלויבען וועט עס זיין דאן ווען ער וועט פאהרען, אבער פאהרען מיט איהם וויל איך ניט. איך וויל זיין אליין אין קיעוו. איך האב פיעל געטראכט וועגען דעם און האב באשלאסען אליין צו פאהרען ניט פרעגען מעהר דעם טאטען. איך וויים אז איהר ווייסט אלעס, האט רחל'ע אין איין אטעם גערעדט, עס איז דעריבער פאר מיר ניט נויטיג אלעס איבערצוריידען נאך אמאהל און אנגעבען אייך א מאטיוו פאר מיין נייגעריגקייט צו פאהרען נאך קיעוו. איך וויל דעריבער איהר זאלט מיר געבען אן עצה, ווי אזוי עס צו טון, ווייל איך וויים אז דעם ערשטען טראט קען איך אליין ניט מאכען, ווי אזוי וועל איך אוועק פון הויז, און צו וועט דער טאטע מיר גלייך ניט נאכפאהרען.

ווען רחל'ע וואלט מיט א מעסער געשניטען סעמיאנ'ס לייב וואלט איהם פיעל גרינגער געווען איידער ער זאל זיצען און הערען ווי זי רעדט.

ער האט אמת געוואוסט וואס עס האט מיט איהר פאסירט. ער האט זיך עס פארגעשטעלט ווען ער האט זי געזעהען אין יענער פאזע אין וואלד. אבער יעצט האט ער עס געהערט פון איהר מויל אליין און עס האט פאר איהם געקלונגען ווי זי וואלט זיך פאר איהם אין אלעם מודה געווען, און דאס האט איהם אזוי וועה געטון און האט אזוי געשניטען זיין הארץ.

עטליכע מינוטען זיינען אריבער, אין וועלכע זיי האבען ביידע געשוויגען, מאדנע ברויזענדע געדאנקען האבען זיך סעמיאנען אין קאפ געפלאנטערט. פאר א מינוט איז איהם אין געדאנק געקומען איהר צו זאגען, אז ער איז גרייט צו נעהמען אויף זיך די שולד אין די אויגען פון איהרע עלטערען אבי זי זאל אוועקגעהן פון דעם לומפ וועלכער האט זי אויף אזא שענדליכען אופן פארפיהרט, אבער באלד האט ער פון זיך דעם דאזיגען געדאנק פארטריבען און אנשטרענגענדיג אלע קרעפטען ער זאל אזוי ניט ציטערען האט ער געזאגט:

רחל'ע אייער פלאן איז ניט קיין גוטער, באטראכט די זאך ריכטיג וועט איהר עס אליין פארשטעהן. לאמיר זאגען אז איהר וועט אוועקפאהרען מארגען אליין אין קיעוו, גלייך פארנאכט וועלען זיך אייערע עלטערען דערוויסען וועגען דעם, און וויסענדיג וואוהין איהר האט געוואלט פאהרען וועט אייך אייער פאטער גלייך נאכפאהרען, אזוי אז איהר וועט ניט האבען קיין צייט צו זיין אפילו איין טאג אליין אין קיעוו, איהר וועט דעם פלאן ניט דורכפיהרען. עס איז אבער דא א צווייטער פלאן ווי אזוי איהר זאלט אייער ציעל גרייכען, און דאס איז רחל'ע דערצעהלען די עלטערען דעם גאנצען אמת. און אויף אזא אופן צווינגען זיי צוצושטימען צו דעם, און אויב זיי וועלען דאן ניט וועלען וועט איהר קענען ארויסטרעטען אין אן אפען קאמף, אבער איך גלויב ניט אויב עס וועט קומען דערצו. ז

רררחל'ע האט סעמיאנען באטראכט מיט מאדנעם בליק.

(ווערט פארגעזעצט)

א באהאלטענע נשמה

(ערצעהלונג פונ'ם א"י לעבען)

געווידמעט דעם ארץ־ישראל פרייהייטס פאנד.

פון אפרים אויערבאך

שוין צוויי טעג, אז עס רעגענט. אמאל לייטערט זיך פלוצלונג אויס. די וואלקענס ווערען צוגאנגען, נאר אויה'ן ראנד פון דעם הימעל בלייבען רויכענדע וואלקענערלעך. אבער ווער קוקט זיך אום אויף זיי? ארום איז לויטער, די זון אזא ווארימע אזא ווייכע און אויף די גערטנער שטעהען די מאראנצען בוימער און די וויינשטאקען, דערפרישטע מיט גלאנציגע טראפענס אויף די בלעטלאך.

נאר די עטליכע קליינע רויכיגע וואלקענלאך זאמלען זיך שטיל און אומבעקוקט צונויף און ווי א בעהאלטענער שונא סעפאלען זיי די זון און פארשטעלען אין גאנצען איהר שיין, און ווידער ווערט שוין פינסטער. די קליינע קאלאניע ווערט ווי אנטשוויגען. באלד און עס הויבט ווידער אן צו רעגענען, א שטארקער פלייצרעגען.

אזוי איז שוין צוויי טעג.

יהודה איז ארויסגעגאנגען אויפ'ן הויף, געזעהען ווי די וואלקענס ווערען צושפרייט און געטראכט אז היינט וועט שוין מעהר ניט רעגענען. עס האט זיך איהם שוין אזוי צוגעגעסען דער רעגען. די גאנצע צייט זיצען אין הויז. ווי א הונט אויף דער קייט, רייסט זיך אין דרויסען און פארבלייבט דאך. וואלט כאטש דאס הויז געווען א לייטיש, אזוי ווי ביי דער קרומער זעלצערקע, וואס קוקט דיר אין די אויגען אריין, אויב דו האסט ניט פאר איהר א פאר „צעהנערלעך“, וואס איז צו דיר גוט ווי א מלאך ווען דו נעהמסט ביי איהר א גלאז טהעע און בעצאהלסט איהר מזומן און בייז ווי א צורייצטער טיגער ווען דו זאגסט איהר אז דו וועסט איהר אבגעבען אן אנדערש מאהל.

ווען דער רעגען וואלט שוין טאקי אויפגעהערט וואלט ער געגאנגען זוכען ארבייט. איצט נאך'ן רעגען דארף מען האבען זעהר א סך ארבייטער. מען דארף צוגראבען די גריבער ארום די בוימער און ער וואלט שוין געפונען גענוג ארבייט אויף אפצוצאהלען דער זעלצערקע דעם אלטען חוב.

די אלטע קרומע זעלצערקע, א אידענע וואס איז שוין א פאר צעהנדליג יאהר אהן א מאן, א פארהארעוועטע, מיט א דאר פנים און מיט א הויט וואס דערמאהנט אהן א געלען לעדער, האט זיך געפערט אין שטאל ביי די קיה. איין קעלבעל האט זיך ארויסגעריסען פון שטאל און זיך גענומען יאגען איבערן הויז. די פרוי האט איהם גענומען נאכיאגען און מיט א צוויג פון א מאנדעל ביים געוואלט עס אריינטרייבען צוריק אין שטאל. יהודה איז געשטאנען און צוגעקוקט און עס האט זיך איהם געוואלט לאכען זעהענדיג ווי די קרומע אידענע מאנצט אונטער, ווארפט אזוי הילפלאז מיט'ן צוויג און שרייט ניט מיט איהר קול.

קרומע מכשפה, האט ער גערעדט צו זיך אליין, נאר איבער אונז ביזטו א בעל הבית'טע, אבער דאס שטומע קעלבעל הערט זיך ווי דעם קאטער...

אבער ער האט דאך דערפילט א רחמנות צו דער אידענע און ווען ער האט געזעהען אז דאס קעלבעל וויל ארוים פון דעם הויז איז ער צוגעלאפען, פארשטעלט דעם וועג און געהאלפען איהר אריינטרייבען עס צוריק אין שטאל.

דערווייל איז צוריק געווארען פינסטער און עס האט אנגעהויבען צו פלייצען א רעגען. יהודה איז שוין געזעסען ביי זיך אין קליינעם צימערעל און געפיהלט ווי עס נעהמט איהם דורך דער באקאנטער ציטער. ער קען איהם שוין דעם ציטער. שוין א פאר יאהר, אז ער מאטערט איהם אלעמאל ווען עס קומט א רעגענדיגע צייט, ברענגט זי פאר איהם אט דעם איינגעגעסענעם ציטער. דערנאך קומט היץ און ער ווערט פארזונקען אין א מין פארגעסענהייט. דאס איז דאס פיבער וואס מאטערט איהם שוין צוויי יאהר, ער איז געזעסען אויף דעם שטוהל ביי דעם קליינעם פענסטערל, ארויסגעקוקט אין דעם גרויען דרויסען און געטראכט ביי זיך, אז אפשר וועט דער ציטער איבערגעהן און ער וועט ניט פיבערען. ווי קען ער איצט פיבערען? ער האט ביי זיך ניט קיין באשליק און ער וועט דא אפליגען עטליכע טעג און די מכשפה, די קרומע זעלצערקע וועט צו איהם אפילו ניט אריינקומען. די וואלקענס אויפ'ן הימעל האבען זיך געיאגט, דער רעגען האט געפלייצט און אויף די שויבען פונ'ם פענסטער האבען זיך געקוילערט קרומע ריטשקעלאך. דער ציטער האט אלץ מעהר און מעהר דורכגענומען יהודה'ן, אין קאפ האט איהם אנגעהויבען צו שווינדלען. די שפיצען פינגער פון די פיס און פון די הענט האבען איהם געבריהט ווי זיי וואלטען געלעגען אויף הייסע קוילען, יא, דאס איז דער פיבער.

ער האט זיך אריינגעלעגט אין בעט זיך איינגעדעקט מיט דער קאלדרע, אבער די קעלט האט איהם ווייטער דורכגענומען עס האט איהם געשוידערט און וואס מעהר ער האט זיך געטוליעט, וואס מעהר ער האט געוואלט אריין אין זיך, אלץ קעלטער איז איהם געווארען.

— א פאסקודנע געשיכטע, ווייטער דער פיבער...

די ליפען זיינען איהם געווארען טרוקען ווי זיי וואלטען פארשפאר'ט געווארען פון א העליש פייער. אין האלז האט איהם געברענט. פאר די אויגען האבען געשפרונגען פונקען פייער און אין קאפ האט זיך געמישט, געמישט. וואלט איהם כאטש איינער דערלאנגט א גלאז וואסער. זיי זיינען זיך אלע צוגעגאנגען, זיצען איצט געוויס אינ'ם קלוב, טרינקען טהעע פונ'ם גרויסען צינענעם סאמאוואר, און שפיעלען אין שאך.

ווי דורך'ן חלום האט ער געהערט ווי עמיצער פארעט זיך ביי זיין טיר, ער האט אויך געזעהען ווי דורך א וואלקען, אז עמיצער געהט ארום ביים בעט, אבער ער האט גאר ניט געקאנט וויסען עס קלאהר. דא האט זיך איהם אויסגעדאכט, אז דאס איז די קרומע זעלצערקע. זי שטעהט איבער זיין בעט און לאכט אהם גלייך אין די אויגען אריין מיט א פייערדיגען געלעכטער. זי שטעקט איהם ארויס די צונג און אט פלוצלונג פאהרט זי גאר רייטענדיג אויף א בעזים און הינטען אויפ'ן נאקען האט זי 6 פאר גרינע אויגען. און אט דאכט זיך איהם אויס, אז לעבען איהם שטעהט צפירה, דעם רייכען קאָניסטעס מיידעל, זי בויגט זיך צו איהם צו, לעגט ארויף איהר קליינע האנד אויף זיין הייסען שטערען און גלעט איהם. און אט פאהרט ער גאר אליין שוועבענדיג אויף א פייערדיגען וואלקען און די קרומע זעלצערקע שמייסט איהם מיט אן אייזערנער רוט...

די אידענע איז געשטאנען נעבען יהודה'ס בעט, צוגעלעגט איהם א קאלטען קאמפרעס צום קאפ און איהם צוגעטראגען וואסער צו די ברוינע פארדארטע ליפען. פון איהר פנים איז גאר פארשוואונדען דער אייביגער פארהארעוועטער אויסזעהען, זי האט אויסגעקוקט מוטערליך און אין איהרע אויגען האט זיך געווארעמט א מאמע פייערל. יהודה האט זי געטריבען פון זיך, פארשטיקט געשריען אויף איהר און פלוצלונג גענומען איהרע הענט און געקושט זיי. די אידענע האט זיך צוגעבויגען נאהענט צו איהם און כמעט אויפ'ן אויער איהם איינגערוימט מיט א ווייכער שטימע, וואס איז ביי איהר ארויסגעקומען אביסעל דרינזשענדיק:

— טרינק מיין זוהן, דאס וואסער וועט דיר לעשען דאס פייער...

עס זיינען אוועק עטליכע טעג. יהודה איז אויפגעשטאנען פון בעט, אן אפגעשוואכטער, א בלאסער און דער ערשטער געדאנק וואס [illegible] איז איהם געקומען אין קאפ איז געווען: די מכשפה וועט מיך געוויס איצט ארויסטרייבען. קראנקערהייט האט זי דאס ניט געקאנט טון. אבער איצט וועט זי מיך אפילו קיין איין מינוט ניט האלטען.

אבער די אידענע האט זיך גאר אין גאנצען געביטען, זי האט איהם אלעמאל געפרעגט צו וויל ער ניט עפעס, צו זאל זי איהם ניט אפקאכען אביסעל יויך און צו זאל זי איהם ניט דערלאנגען א גלאז מילך. וואס איז געווארען מיט איהר? עס איז דאך געווען די זעלצערקע, די מכשפה, וואס ווען ער פלעגט נאר אויף איהר א קוק טון אויף איהר, פלעגט ער זיך דערמאהנען אין יעדוואכען די אלטע ציגיינערין פון זייער שטעדטעל וואס האט געוואוינט אין דעם ליימענעם שטיבעל ביים ברסיקעל. יעדוואכע פלעגט מען זאגען האט צו טון מיט שדים און רוחות און ביי איהר אין שטיבעל ברענט תמיד א פייער און דארטען קאכען זיך זינדיגע נשמות פון אראפגעפיהרטע מיידלעך...

די אידענע איז צוגעקומען צו יהודה'ן און ווייך ווי זי האט נאר געקענט האט זי איהם געזאגט:

— שוין לאנג אז איהר פיבערט?

יהודה האט געקוקט אויף איהר מיט חשד. עפעס האט ער ניט געגלויבט אז זי איז דאס אליין. ניכער וויל זי מיט איהם זיין גוט כדי זי זאל ביי איהם קענען אפנעהמען די פאר בישליקעס... אה, ער קען זי שוין דורכגעטריבען, די אלטע מכשפה מיט'ן קרומען פוס, אבער צום טייפעל זי איז דאך איהם געווארען געטריי ווי אן אייגענע מאמע. אפשר איז זי גארניט אזוי שלעכט.

און יהודה האט זיך אנגעהויבען בעסער צוקוקען צו דער אידענע און איהם האט זיך געדאכט אז אונטער דער דרויסענדיגער פארהארעוועטער הויט איהרער, זעהט ער א מענשליכע נשמה. א נשמה פון א אידישער מאמען. און וואס ווייטער ער האט זיך צוגעקוקט צו איהר, אלץ מעהר האט ער זי אנגעהויבען צו פארגלייכען מיט זיין אייגענער מאמען. אזוי זיינען אלע אידישע מאמעס. דאס שווערע לעבען פארהארעוועט זיי און מאכט זיי בייז, אבער אין דער אמת'ן זיינען זיי גוט און געטריי. מען דארף נאר קענען אריינקוקען טיעפער אין זייערע נשמות, אפשיילען די דרויסענדיגע פארהארעוועטע שאלעכטס.

אין איינעם א פארנאכט, די זון האט זיך גענעצט. יהודה איז געזעסען אויפ'ן הויף און געקוקט ווי די קאלאניע הויבט זיך אן איינצוהילען אין נאכטיגען שלייער און ער האט געפיהלט א שטילע גוטע בענקשאפט. ער איז נאך ניט אין גאנצען געווען געזונט און איצט, זיצענדיג דא האט ער געפיהלט אט דאס גוטע געפיהל פון א שוואכען וואס פיהלט ווי די כוחות קעהרען זיך אום צו איהם.

די אידענע איז ארויסגעקומען און זיך צוגעזעצט לעבען איהם. ווי א שאטען איז זי געקומען און יהודה האט זיך געשראקען פאר איהר. ער האט זיך אינסטינקטיוו אפגערוקט אבער די אידענע האט דאס ניט בעמערקט. זי האט פלוצלינג אנגעהויבען צו רעדען:

— א ליכט איז ער געווען, גרינג זאל איהם זיין די ערד. געקומען אהער און אט ווי דו גענומען זיך צו דער ארבייט... זיין לאנד, האט ער געטנעה'ט, די פעלדער דארף ער בעארבייטען...,

טרעהרען האבען זי געשטיקט. די אידענע האט געוויינט. יהודה האט נאך אלץ ניט פארשטאנען.

— וועגען וועמען רעדט איהר?

מיין זוהן, מיין צבי... געפיבערט אזוי לאנג ביז דער מלאך המות האט איהם צוגענומען.

יהודה'ן האט דורכגענומען א שוידער. עס האט זיך איהם געדאכט אז ער ציטערט שוין ווידער. ניין דאס איז נאר פון שרעק.

און די אידענע איז געזעסען און האט געוויינט.

די נאכט איז געקומען א קיהלע....

יונג און אלט פאראייניגען זיך צו באשיצען טערקישע אימפעריע

פאריז, יוני, 1.

טעלעגראמען פון קאנסטאנטינאפאל מעלדען, דאס די טערקען זענען זעהר שטארק אויפגעבראכט נעגען דעם באשלוס פון די אלייאירטע צו צוטיילען די טערקישע אימפעריע. עס ווערט געמאלדען, דאס דער פלאן פון די אלייאירטע האט אויפגעוועקט א שטארקע נאציאנאליסטישע באוועגונג צווישען די טערקען און עס האבען זיך פאראייניגט די יונג־טערקען מיט די אלטע מיט'ן צוועק צו קעמפען פאר דער גאנצקייט פון דער טערקישער נאציאן.

נאך א אידישער מעדיצינער—

די אידישע טאראנטא איז לעצטע וואך רייכער געווארען מיט נאך א אידישען מעדיצינער. די פארעפענטליכע עקזאמענס פון דעם מעדיצינישען קורס אנאנסירען דאס מר. רייוו איסער, איז דער איינציגער אידישער סטודענט וואס האט געענדיגט היינטיגען יאהר דעם מעדיצינישען קורס. מר. איסר רעכנעט נאך ניט צו עפענען קיין אייגענעם אפיס. ער פלאנעווערט איצט אפצופאהרען קיין ניו יארק מיט'ן צוועק צו פראקטיצירען דארטען אין א האספיטאל.

MAZOLA

דער פרוכט אויל וועלכער גיט רעזולטאטען איז געקעכץ עס קאסט ביליג

די הויז פרוי האט אויסגעפונען אז מאזאלא דער ריינער אויל פון קארן איז גוט צו פרעגלען דורכנעמען און מאכען קרוכלע און עקאנאמישער

מאזאלא גיט ניט איבער דעם געשמאק אדער ריח פון איין שפייז אין א צווייטער קען גענוצט ווערען ווידער און ווידער אמאהל.

לעצטענס איז דעמאנסטרירט געווארען אז דיזעלבע מאזאלא קען גענוצט ווערען אכטצעהן מאהל ווייל עס איז א פרוכט אויל, א געלעגענהייט צו שפארען פוטער, שמאלץ און פעטס.

ווען איר ווילט א ספעציעלען געשמאקען סאלאד פרובירט מאזאלא.

מאזאלא ווערט פארקויפט אין פיינט קווארט און גאלאן בלעכען—קויפט א גרויסען בלעך עס איז עקאנאמיש שרייבט אונז פאר א מאזאלא בוך ווי פארצובערייטען. אייער געלט צוריק געקעהרט אויב מאזאלא איז ניט צופרידענשטעלענד.

איהר באקומט דאס געלד צוריק אויב מאזאלא וועט ניט זיין צופריעדענשטעלענד.

Canada Starch Co. Ltd
45 Front St. East,
TORONTO

לעזט דעם הכשר

לעזט דעם הכשר

אין די טעאטערס

אין לאוס

עליס ברידיס לעצטער פילם סוקסעס „איהר גרויסע געלעגענהייט” ווערט די וואך געוויזען אין לאוס טעאטער און ווינטער גארדען.

דאס איז א זעהר שפאנענדע און אינטערעסאנטע בילד, מיט די שפאנענדסטע מאמענטען.

דער הויפט סוזשעט פון דאס בילד איז דאס וואס א מיידעל פארליבט זיך אין א מיליאנערס א זוהן פון וועלכען דער פאטער ענטזאגט זיך צוליעב זיין ליעבע און נעהמט איהם ניט אריין אין זיין צוואה אזוי אז ער בלייבט אוים יורש, אן ארימער זוהן פון א מיליאנער א טאטען, זיין ליעבע צו דאס מיידעל איז אבער שטארקער פון דעם טאטענס מיליאנען.

וואס ווערט פון אזא ליעבע? דאס דערצעהלט דאס בילד וועלכע איז ווערט צו זעהען.

חוץ דעם ווערען געוויזען זעקס אינטערעסאנטע וואדעוויל אקטען.

לאוס וועכענטליכע נייעס בילדער, מאט און דזשעף קארטונס און א קאמישע בילד.

אין שעיס היפאדראם.

די הויפט אטרעקשאן די וואך אין שעיס היפאדראם איז די בארימטע פאטהע סטאר פעני וואַרד וועלכע ווערט געזעהען אין דאס בילד מיט'ן נאמען „דער געשריי פון די שוואכע”. דאס איז נאך א בילד וועלכע מאכט דער אזוי בארימטע אקטריסע נאך מעהר בארימט און פראמינענט.

דאס בילד איז אינטערעסאנט און שפאנענד פון אנפאנג ביז'ן סוף. פעני וואַרד האט זיך אימער אויסגעצייכענט מיט איהרע אויסערגעוועהנליכע ארטיסטישע פעהיגקייטען און איז געווארען די באליעבטעסטע צווישען אלע מאוווינג פיקטשור סטארס. עס איז זי אינטערעסאנט צו זעהען, פון איהרע בילדער קען מען זיך, אי אמוזירען אי עפעס לערנען.

זיעבען העכסט קאמישע און גלענצענדע וואַדעוויל אקטען וועלכע האלטען די צושויער געשפאנט און ביי וועלכע מען קען זיך העכסט אמוזירען, פאטע נייעס און. הארלד לאיד קאמעדיע פארענדיגען אעם ביל.

אין עלען.

אין עלען טעאטער קארנער ריטשמאנד און וויקטאריא סטריט ווערט די וואך געוויזען אן אויסערגעוועהנליך שעהנעס בילד פון א נאך שעהנערער און פראמינענטערע אקטריסע.

דאראטי גיש, טרעט אויף אין דאס בילד מיט'ן נאמען „בוטס”. איז דאס א שוך פוצער אדער א באלשעוויק, עס איז ווירקליך אינטערעסאנט צו זעהען ווי אזוי דאראטי גיש איז זיך נוקם אן די באלשעוויקעס.

מיס גלעדיס, דזשאהן סמיטה קאלאראטור סאפראנא, בריטיש וועכענטליכע ביל, דער און גאנץ נייע מעק סענעט קאמעדיע.

נארוועגען האט זיך אפגעזאגט

פאריז, יוני 2.

נארוועגען האט זיך ענטזאגט אנצושליסען זיך אן דעם פלאן צו מאכען א בלאקאדע אויף דייטשלאנד אין פאל די דייטשע רעגירונג זאלען זיך אפזאגען אונטערצושרייבען דעם שלום אפמאך.

שווייצאריען אויך ניט.

נארוועגיען איז שוין דאס צווייטע לאנד וואס האט זיך אפגעזאגט אנצושליסען זיך אן אזא בלאקאדע. לעצטע וואך האט שווייצאריען אויך ערקלעהרט דאס זי וועט ניט פארבאטען דעם עקספארט פון איהרע סחורות קיין דייטשלאנד. די פעדעראלע רעגירונג האט ערקלעהרט דאס זי שטעהט פאלשטענדיג נייטראל.

וויל ערקלעהרען מעקולאן פאר משוגע

לאיער ט. ס. ראבינעט, דער פארטיידיגער פון פרענק מעקולא, דער פארטייליגטער מערדער וואס ערהוארטעט געהאנגען צו ווערען דעם 13־טען פון דעם חודש האט געהאט א לאנג געשפרעך מיט זיין קליענט אין דעם טויטען שטיבעל. מר. ראבינעט ערקלעהרט ביים ענדע פון זייער געשפרעך, דאס ער איז זיכער אז מעקולא איז ניט ביים זינען, און דערפאר טאר מען איהם ניט אויפהענגען.

עס זענען באשטימט געווארען די דאקטוירים ס. ק. קלארק און א. דזשיי. דזשאהנסאן צו מאכען אן אונטערזוכונג און באשטימען צו עס איז אמת אז ער איז ניט ביים זינען.

א האטעל פאר זיבען מיליאן דאלאר

דעטראיט יוני, 2.

אין די קומענדע אכצעהן חדשים וועט דעטראיט באקומען א האטעל וואס וועט האבען פלאץ פאר טויזענט געסט, און וואס וועט קאסטען ביז זיבען מיליאן דאלאר, בלויז דאס מעבעל אליין וועט קאסטען א מיליאן דאלאר. דאס הויז וועט זיין ארום 24 שטאק הויך.

ביי־לאא צו פארמאכען פריה גראסערי סטארס איז ניט געזעצליך

די ביי־לאא וואס האט געזאלט ארויס אין קראפט היינטיגע וואך צו צווינגען גראסערי סטארס און פרוכט הענדלער צו פארמאכען זייערע סטארס זיבען א זייגער אין אוונט איז ערקלעהרט געווארען ביים נעכטיגען מיטינג פונ'ם סיטי קאונסיל אלס ניט געזעצליך, און די סטארס וועלען דאריבער מעגען זיין אפען אזוי לאנג ווי זייער הארץ גלוסט.

פרוכט מיט גראסערי זענען ניט דאס זעלבע.

די אורזאכע פארוואס די ביי־לאא איז ערקלעהרט געווארען אונ־געזעצליך איז געווען דערפאר, ווייל די ריטייל מערטשענטס אס'ן האט גרופירט פרוכט הענדלער מיט גראסעריס צוזאמען און אויף אזא אופן געקראנקען די נויטיגע צוויי דריטעל מאיאריטעט פון די סטאר־קיפערס.

סיטי סאליסיטאר דזשאהנסטאן האט אבער געגעבען ביים קאונסיל מיטינג ערקלעהרט דאס די פרוכט הענדלער האבען גאר ניט צו טון מיט גראסערי סטארס און פאנגליך איז די גאנצע ביי־לאא ניט געזעצליך.

דער סאליסיטאר האט ערקלעהרט, דאס אויב עס וועלען געבראכט ווערען די נויטיגענדע צאהל אונטערשריפטען פון סטארקיפערס פון יעדען פאך באזונדער, דאן ערשט וועט אזא ביי־לאא קאנען אנגענומען ווערען.

אין פאל פון אזעלכע סטארס וואו עס געפינען זיך פון ביידערליי סחורות דארף דער סטאר צוגערעכענט ווערען צו יענעם מין פון וועלכער סחורה עס געפינט זיך צום מעהרסטען אין סטאר.

א גרויסע קאנגרעס פארזאמלונג דעם 15־טען יוני

די קאנגרעס עקזעקוטיווע פאר אנטאריא, האט באשלאסען צו בארעטען זיך מיט די וועהלער וועגען דער צוזאמענפאר פון דעם קאנאדיש־אידישען קאנגרעס, און צוליעב דיעם צוועק ווערט פאררופען א מיטינג פון אלעמען אויף זונטאג אוונט דעם 15־טען יוני.

צום מיטינג ווערען געלאדען די אלע, וועלכע האבען געשטימט פאר'ן קאנגרעס, די ערוועהלטע קאנגרעסלייט, און אלע ארגאניזאציעס ווערען געבעטען צו שיקען צו דיעזער פארזאמלונג צו פינף דעלעגאטען.

די פארזאמלונג וועט זיין אין ציון האל.

פאליאקען פארנעהמען סטאניסלאוו

באזעל יוני, 2.

אן אפיציעלע ערקלעהרונג פון ווארשא מעלדעט דאס די פאליאקען האבען באזיעגט די אוקראינישע ארמייען און האבען פארנומען די שטאדט סטאניסלאוו אין גאליציען, וואס האט געדיענט אלס הויפט שטאדט פאר דער אוקראינישער רעגיערונג. די פוילישע ארמייען האבען פארכאפט די אוקראינישע גארניזאנען און פארנומען דאס גאנצע געוועהר.

לאקאוט פון שניידער

נעכטען נאכמיטאג איז אפגעשטעלט געווארען די ארבייט פון דער שניידער פירמא ע. ג. העקבארן און קאמפאניע.

ווי מר. ראזענבלום, דער ארגאנייזער פון דער שניידער יוניאן גיט איבער זענען די ארבייטער ארויסגעווארפען געווארען פון דער פירמא דערפאר, ווייל די ארבייטער האבען ניט געוואלט איינגעהען אויף דעם פארשלאג פון דער פירמא צו ארבייטען שטיק ארבייט. מר. ראזענבלום באהויפטעט אויך, דאס די פירמא האט אומישנע געוואלט איינפיהרען שטיק ארבייט כדי בטול צו מאכען איהר צוזאג וואס זי האט געגעבען מיט א פאר וואכען צוריק צו ארבייטען ניט מעהר ווי פערציג שטונדען א וואך. די יוניאן וועט ענטפערען דעם לאקאוט מיט א סטרייק און ארויסשטעלען פאדערונגען צו דער פירמא

האט איהר מורא פאר'ן רעגען
דאן רופט אף די אלטע עקספירענסד רופערס. דאמיניאן רופינג קא. 249 יוקליד עוועניו.
טעלעפאן קאלעדזש 7295.
6202 6 10

אורין
איס גליסוננעט
קוירט אין
24 שטונדען
יעדע קעפעל האט דעם נאמען
SANTAL CAPSULES MIDY
MIDY
היט זיך פאר נאכמאכונגען

איין אויפרוף פון די קלעצער לאנדסלייט
זונטאג אוונט דעם 7 דזשון
ווערט פאראנשטאלט איין מלוה מלכה אין דער תלמוד תורה עץ חיים, ד'ארסי סט.
פאר דעם בענעפיט
פאר די קלעצער מלחמה קרבנות
אלע לאנדסלייט זענען געבעטען צו קומען מיט זייער פריינד אום 10.30 אוונט.

קומט פייערען
דעם ערשטען יולי
דינסטאג אין „דאמיניאן דעי“
קומט זשע איהם מקבל פנים זיין
מאנטאג אווענט דעם 30-טען יוני
ביי דעם
קאנצערט
און גארטען־פארטי
וועלכער ווערט ארגאנזשירט פון דעם
פרויען פאראיין פון די פרץ שולען
צו גונסטען די שולען
ארץ ישראל בילדער, טענץ, א מוזיקאלישער קאנצערט, דאס אלעס וועט איהר באקומען פאר'ן פרייז פון איין טיקעט בלויז.
דאס גאנצע הויז און אויך דער גארטען פון ציון אינסטיטוט וועט זיין צו דיענסט פון די אנוועזענדע, און עס וועט דארט זיין חי געלעבט.
טיקעטס צו באקומען ביי אלע מיטגליעדער.

קויפט אייערע קויהלען פון
יאנעווער בראדערס
וואו איהר בעקומט בלויז ראזשערס קויהלען מיט ראדזשערס טיקעטס
אפיס 120 יוניווערסיטי עוועניו טעל. קאל. 376

ענטפערט

היינט וועט איהר דערהאלטען א בריעף פון קאנפערענץ פאר די מלחמה קרבנות, דיעזער בריעף טאר ניט בלייבען אייך ניט געענטפערט.

אייער אידיש הארץ זאל ניט רוהען ביז איהר וועט ענטפערען מיט א געוויסע ביישטייערונג פאר די אומגליקליכע, ליידענדע פון די מלחמה און פאגראמען.

פאר'ן טאראנטער קאנפערענץ
פאר די אידישע מלחמה קרבנות
ל. ראזענבערג סעק.

נאר איין מאהל אין לעבען
דער גוט באוואוסטער און בעסטער אידישער חזן קאמפאזיטאר, דער קעניג פון דער אמת ריינער אידישער נגינה



חזן זיידעל ראווינער
וועט געבען איינעם פון די גרעסטע וועלט קאנצערטען
מיטוואך דעם 25־טען יוני
אין מעסעי האל
מיט דער מיטווירקונג פון א גרויסען כאר און אן ארקעסטער פון די בעסטע מוזיקער פון דעם היגען סימפאני ארקעסטער.
דער גרויסארטיגער קאנצערט ווערט ארגאנזשירט פון דער
פריינד אף איזראעל סיק בענעפיט סאסייטי
וועלכע גאראנטירט אז דער קאנצערט וועט זיין אן אמת'ע איבערראשונג פאר די צוהערער.
קיין געלד און מיה ווערט ניט געשפארט צו מאכען דיעזען קאנצערט אלס אנדענקונג אינ'ם לעבען. לאזט ניט דורך אזא געלעגענהייט, באזארגט אייך מיט טיקעטס באצייטענס, וועלכע זענען צו באקומען ביי אלע מיטגליעדער. אדער הייסט זיך לאיען טיקעטס פאר'ן קאנצערט.
טיקעטס צו באקומען: ביים סעקרעטאר דזש. פעדער, 45 קעמעראן סט. טעל. קאלעדזש 441, באלטער בראדערס, 193 קווין סט. וועסט טעל. ארעלייד 2792, ביים פרעזידענט מר. אראסקין, 665 קאלעדזש סט. טעל. קאלעדזש 8352, ה. דווארקין, 525 דאנדעס סט. וועסט, וו. ראזין 31½ קווין סט. וועסט, ר. פייגין, 117 דעניסאן עוו.

מר. מ. קאהן
געוועזענער פארטנער פון דער פירמע
פאלאוויץ און קאהן פון טאראנטא
וועלכע האבען זיך פאנאנדערגעטיילט, און יעצט מאכט מיר מעקאנט אז די פירמע רופט זיך
קאהן און אקסלער
200־224 איסטערן עוועניו
טעלעפאן מיין 5959
דילערס און בראקערס פון אייזען און שטאל און אלע מעטאלען און סקרעפ ראבער.

מאטינעע 10, און 15 סענט.
אבענדס 10, 15 און 25 סענט.
HIPPODROME
די וואך פון יוני דעם 2טען.
זאטהע פרעזענטירט עטוואס ספעציעלעס, ספעציעלע פישטור.
פעניע וואַרד
אין א שטארקער דראמא.
„דער געשריי פון די שוואכע”
מעי און מעק, מאט און פארט, וועלי און מין, פאטהי נייעס און הארלד לאיד קאמעדיע.

מינסקער פעלדשער
און מאסאזשיסט
L. YACCINE
עלעקטריק מאסאזש פאר קאפ שמערצען און רעמאטיזם. איך שטעל באנקעס צו יעדער צייט. איהר קענט מיר רופען א היים פאר באנקעס שטעלען. מיין אפיס:
294 Queen St. W.
טעלעפאן ארעלייד 2698

LOEW'S
לאעו'ס יאנג סטריט טהעאטער
אונאונטערבראכען
12 מיטאג ביז 11 נאכמיטאג
נאכמיטאג 10 סענט. 15 סענט.
אווענד 10 סענט 15 ס. און 25
טעל. מיין 3600 — חיי קלאס וואדעוויל באקס סיטס רעזערווירט.
די וואך פון יוני דעם 2טען.
עליס ברידי אין איהר גרויסען שאנס
א העכסט שפאנענדע און אינטערעסאנטע בילד פון אנפאנג ביז דעם סוף. הערבערט דאנס, דזשעק גאלדי, לע אאען און דאפרעס, ערנעץ אין פראנקרייך. די קאונא דוא, עדא דעלברידוש טריא. לואים וועכענטליכע נייעס בילדער. ברידי און מאהאני, מאט און דזשעף קארטונס. די פארשטעלונגען אין ווינטערגארדען וואו די פלעצער זיינען רעזערווירט זיינען דיזעלבע וואי אין לאוס טעאטער.

שיקט געלט נאך פוילען
אייער געלט איז פאלשטענדיג גאראנטירט
סיטיזען פייפערס אפליקיישאנס און פארמס שנעל און קארעקט אויסגעפילט ביי אונז
גוראפסקי'ס
113 Queen St. W. Toronto Ont.
171 James St. N. Hamilton Ont

נאר אין איין פלאץ
מ. שלאכטער
דער באקאנטער פאטאגראפער לאזט וויסען אלע זיינע פיעלע פריינד און קאסטומער, דאס ער האט אויפגעגעבען זיין פלאץ אין 280 קווין וועסט, און אז ער האט יעצט נאר איין פלאץ אין
452 קווין סטריט וועסט
אין מיין פאטאגראפיע וועל איך יעצט קענען ווידמען מעהר צייט צופריעדען צושטעלען אלע מיינע קאסטומער.
מ. שלאכטער 452 קווין סטריט וועסט
מיר פארגרעסערען אויך בילדער, און איהר קענט ביי מיר באקומען אלע „סופלאים” ווי קאדאקס, פילמס און דאס גלייכען.
קויפט אין איינציגען אידישען פלאץ פון פאטאגראף „סופלאים”.

אידען וואו זענען אייערט קעפ
איך האב פאר זיי העטס און קעפס צו מאנופעקטשורערס פרייזען.
די בעסטע העטס מיט די ביליגסטע פרייזען קענט איהר באקומען ביי מר. וויינער. איין אויסוואהל פון קעפס און קינדער העטס. פארשידענע קאלירען און סטיילס צו באקומען
696 קווין וועסט
טעלעפאן קאלעדזש 7420

ספעשעל נאטיס צו אונזערע קאסטימערס
ארדערט קוילען יעצט און ווארט נישט אויף דער לעצטער מינוט, ווייל שפעטער וועט איהר צאהלען דאבעל און דאצו וועט איהר נאך ניט קענען באקומען.
THE EATON COAL CO.
Phone Ad. 2696
איטאן קאהל קא.
אפיס 352 קווין וועסט טעל. ערד. 2696

לואיס ס. סינגער
לאיער און נאטארי פאבליק
קאמישיאנער פאר אלע פראווינצען פון קענעדע.
לאא אפיס 154 סימקאא סטריט. טעלעפאן ערלייד 919
וואוינונג 433 פאלמערסטאן בולווארד טעלעפאן קאלעדזש 4866

מיכאעל אנדזשעלא מוזיק שולע
סטודיא טעלעפאן 450 ספעדינא עווענו
סטודיא רום 3 קאל. 17.
די פראגע איז אימער געווען וואוהין קען איך שיקען מיין קינד צו נעהמען לעסאנס. אדער וואוהין איהר פון א גוטען מוזיק לעהרער.
דער ענטפער איז יעצט אויפ'ן פלאץ.
מאעסטער מיכאעל אנדזשעלא באזיצט די גרויסע רעפוטאציע אין אמעריקא און קאנאדע אלס ערפאהרענער לעהרער אויף פידעל, מאנדאלין, קארנעט, סאקסאפאן און אלע אנדערע בלאז און סטרונגס אינסטרומענטען פון אנפאנגער ביז פראפעסיאנעלע.
ספעציעלע אויפמערקזאמקייט ווערט געגעבען צו קינדער.

Prof. Michael Angelo